בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ

275

תשפ"ג

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיטְ'ן מַאן אָדֶער מִיט דִי פְּרוֹי?............................. א
וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן?............................. ג
מֶעג אִיךְ גֵיין הֲפָצָה אָן רְשׁוּת פוּן מַיין וַוייבּ?............................. ה
פַארְוָואס לַאכְט מֶען פוּן מִיר?............................. ו

## אִישׁ אֱמוּנוֹת

סֵדֶר הַנְסִיעָה - אוּמַאן תשפ"ג............................. א
הַנְהָגוֹת פַאר עֶרֶב סוּכּוֹת אוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת............................. לא
טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי............................. לג
לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל............................. לד
אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת............................. לה
וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּן בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ............................. לו
עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען............................. לח
מִנְהָגִים פַאר שַׁבָּת חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת............................. לט
דִי גַאנְצֶע יָאר אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי נַאכְט............................. מ
אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים..... מא
דָוִד הַמֶלֶךְ מִיטְ'ן פְּרָאשׁ............................. מב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיטְ'ן מַאן אָדֶער מִיט דִי פְּרוֹי?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן, שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ לֵיין אַלֶע גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, סְפֶּעצִיעֶל דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל, עֵצוֹת, אוּן חִיזוּק, אוּן עֶס שְׁטֶעלְט מִיר מַמָּשׁ אוֹיף דִי פִּיס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ עֶס הָאט מִיטְ'ן מַאן אָדֶער מִיט דִי פְּרוֹי. וַוייל אִיךְ וֵייס אַז מַיין מַאן גֵייט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, וִויפִיל מָאל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דֶעם זָאגְט עֶר אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, מֶען קֶען זַיין אַ אִיד, הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן - אוֹיךְ אָן בְּרֶסְלֶב. עֶר וֵייסְט בִּכְלַל נִישְׁט וִויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ טוּ כְּסֵדֶר, נָאר וַוייל אִיךְ נֶעם דִי חִיזוּק פוּן בְּרֶסְלֶב, אוּן דָאס אִיז וָואס הֶעלְפְט אַז דִי שְׁטוּב זָאל שְׁטֵיין אוֹיפְ'ן פְּלַאץ.

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מַיין מַאן זָאל אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן, עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי מְקַנֵּא דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וַוייבְּלֶעךְ וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, הַלְוַאי אוֹיף מִיר גֶעזָאגְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס בַּאוַוייזְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיט דִי וַוייבּ. דִי תּוֹרָה זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ״ אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף דִי שְׁטוּבּ; אַ קְלוּגֶע פְרוֹי זוּכְט נָאר מַעֲלוֹת בַּיי אִיר מַאן, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי טוּט אַלֶעס אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ שֵׁיין אוֹיפְבּוֹיעֶן.

אַ פְרוֹי מִיט שֵׂכֶל קֶען זִיךְ מַאכְן אִיר לֶעבְּן פַאר אַ גַן עֵדֶן, זִי וֶועט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִיר מַאן, זִי וֶועט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אִים, אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ׳, זִי הוֹיבְּט אָן מִיט אִירֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִי מַאכְט פְרֵיילִיךְ; אַזוֹי וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי בּוֹיט זִיךְ אַ שְׁטוּבּ.

זַייט נִישְׁט מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין; יֶעדֶער אֵיינֶער בָּזֶה הָעוֹלָם הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵא צוּ זַיין, אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס וִוי דֶער הָאט אַ שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן, דַארְף מֶען וִויסְן, נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין, וַוייל יֶענֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אֲפִילוּ מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט אַרוֹיס.

מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ מַאן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר - צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַ מַאן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר - צוּ זַיין גְלִיקְלִיךְ. אַז מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ מִיט׳ן רֶבִּי׳ן, מֶען נֶעמְט חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז דִי לֶעבְּן זִיס אוּן מֶען אִיז גְלִיקְלִיךְ. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה - דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ; וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט תְּפִלָּה - דֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ; דֶער וֵוייסְט וָואס צוּ טוּן אִין יֶעדֶע צַייט, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט גָאר בִּיטֶער - וֵוייסְט עֶר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, מִיט תְּפִלָּה

וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן; וֶוער עֶס אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן בֶּעט אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער, עֶר בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּיים סוֹף בַּאקוּמְט מֶען אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט עֶלְטֶערֶע עֶלְטֶערְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, וָואס אִיךְ דַארְף הָאבְּן גֵיי אִיךְ נָאר צוּ אִים אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר אוּן הֶעלְפְט מִיר כְּסֵדֶר.

אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען בֵּיידֶע פוּן דִי יוּנְגֶערֶע אִין אוּנְזֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, אוּן דָאס גֶעבְּט אוּנְז מֶער גֶעלֶעגְנְהַייטְן מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אָבֶּער עֶס קוּמְט אוֹיךְ מִיט גֶעוִויסֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מַאכְן זִיךְ אִיבֶּער דֶעם מַמָּשׁ כְּסֵדֶר.

מַיין שְׁווִיגֶער אִיז אוֹיף אַסַאךְ בַּיינַאכְט, זִי הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט, קוּמְט זִי אַרִיבֶּער צוּ אוּנְז אַהֵיים אִין דִי שְׁפֶּעטֶע שָׁעוֹת, אוּן זִי זִיצְט אוּן רֶעדְט מִיט מַיין וַוייבּ אִיבֶּער אַלְץ אוּן אַלֶעמֶען, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, מִיר גֵייעֶן אַסַאךְ מָאל עֶסְן צוּ זֵיי אוֹיף שַׁבָּת, אוּן מַיין מַאמֶע מוּטְשֶׁעט אַסַאךְ מַיין וַוייבּ אוֹיף נַארִישֶׁע זַאכְן. אִיךְ פְּרוּבִּיר אַלְץ צוּ בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ אַז זִי רֶעדְט נָאר אַזוֹי וַוייל זִי אִיז אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אוֹיף אִירֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶּער מַיין וַוייבּ שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְרָאפְן פוּן דֶעם, אוּן זִי ווִיל מֶער נִישְׁט אַהִינְגֵיין.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן אָנְוַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ פִירְן, וַוייל מִיר לַיידְן כְּסֵדֶר אַסַאךְ פוּן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, סִימָן כו) ״כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל רֶעדְן מִיט אִיר מַאמֶע אוּן אִיר אוֹיסְהֶערְן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוֹיסְצוּהֶערְן אַ מַאמֶע.

דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן. וַוייל וֶוען מֶען דַארְף אוֹיסְהַאלְטְן עֶלְטֶערְן, אִיז נִישְׁט יֶעדֶער בִּיכוֹלֶת דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער אוֹיסְהֶערְן עֶלְטֶערְן - אִיז אַ מִצְוָה וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען טוּן; מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף נָאר אוֹיסְהֶערְן. אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַ שֵׁיין וָוארְט פוּן חִיזוּק - קֶען מֶען דָאס דֶערְצֵיילְן.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וֶוען דַיין מַאמֶע זָאגְט אִיר עֶפֶּעס. עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן, עֶלְטֶערְן מֶעגְן פַּארְעֶכְטְן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן. נָאךְ אַבִּיסְל זֶענֶען עֶנְק דִי עֶלְטֶערְן אוּן עֶנְק וֶועלְן אוֹיךְ זָאגְן פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג אִיךְ גֵיין הֲפָּצָה אָן רְשׁוּת פוּן מַיין וַוייבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג גֵיין הֲפָּצָה אָן מַיין וַוייבּ'ס רְשׁוּת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "מְעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים" פוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט בַּיי יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער, "שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם" ווִי זֵיי קְרִיגְן זִיךְ מַאן אוּן וַוייבּ, "וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן" אוּן מֶען צֶעטֵיילְט זִיךְ, "וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם" אוּן אַמָאל קוּמְט דָאס צוּ זִיךְ גֶטְ'ן חַס וְשָׁלוֹם. "שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר" דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד" עֶר פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דֶעם, "לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים" צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אִינְגֶעלַייט, "כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה" אַזוֹי קֶען עֶר נָאכְדֶעם אַרַיינְכַאפְּן דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן אִין זַיין נֶעץ, זֵיי מַאכְן זִינְדִיגְן, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד" וַוייל עֶר לָאקֶערְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, "לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם" זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְכַאפְּן אִין זַיין נֶעץ. זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אַז זִי ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט חָכְמָה. מֶען דַארְף נִישְׁט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אִין שְׁטוּבּ, "מִשֹּׁכֶבֶת חֵיקֶךָ שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ" (מִיכָה ז, ה), פוּן

דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ - הִיט אָפּ דַיין מוֹיל אִיר נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן סוֹדוֹת; דוּ זָאלְסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער - אוּן וָואס מֶער גֵיין הֲפָצָה, רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס לַאכְט מֶען פוּן מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ זֶע אַסַאךְ מָאל וִוי מֶענְטְשְׁן קוּקְן אִין מַיין רִיכְטוּנְג אוּן זֵיי לַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז זֵיי לַאכְן פוּן מִיר. אִיךְ ווייס נִישְׁט צִי זֵיי לַאכְן טַאקֶע דַוְקָא פוּן מִיר אָדֶער נִישְׁט, אָבֶער דָאס אַלֵיין אַז מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת צִיעֶן אַלְץ אוֹיף דֶעם וֶועג אַז מִסְתָּמָא לַאכְן זֵיי מִיר אוֹיס - דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט לַאכְן פוּן מִיר, אוּן וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מֶען לַאכְט פוּן מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

קֵיינֶער לַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, אוּן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט מִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז מֶען לַאכְט יָא פוּן דִיר - דַארְף דִיר דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין; וָואס קֶען דִיר אַ צְוֵוייטֶער טוּן?

זָאג תְּהִלִים, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: "אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן"; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ

שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זִינְגְט (תְּהִלִּים נו, יב): "בֵּאלֹקִים בָּטַחְתִּי" אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, "לֹא אִירָא" אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם לִי" וָואס קֶען מִיר אַ מֶענְטְשׁ טוּן?

דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֵייט, אַ זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**סֵדֶר הַנְּסִיעָה - אוּמַאן תשפ״ג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב סוּכּוֹת שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וואוּ אִיז מַיין ...? וואוּ בִּיסְטוּ? בִּיסְט נִישְׁט אִין אוּמַאן?! אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט זִיכֶער אִיז עֶר אִין אוּמַאן, מִן הַסְתָּם בִּיסְטוּ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן.

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גֶעוֶוען הַיי יָאר בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל מוּסָר פַארְוָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

נֶעם אָן דִי מוּסָר וָואס קוּמְט פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶע לִיבְּשַׁאפְט, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, ה): ״טוֹבָה תּוֹכַחַת מְגֻלָּה״ עֶס אִיז גוּט מוּסָר רֵייד, ״מֵאַהֲבָה מְסֻתָּרֶת״ וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶע לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט טִיף טִיף אִין מַיין הַארְץ. דוּ בִּיסְט מַיין עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד; פַאר דִיר הָאבּ אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע אַנְטְפְּלֶעקְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי מִיט הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, מִיט כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק וֶוען דוּ בִּיסְט נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, אַ תַּלְמִיד בַּיי מִיר אִין כִּתָּה.

לֵיין דֶעם בְּרִיוו, נֶעם אָן וָואס שְׁטֵייט.

*סֵדֶר הַנְּסִיעָה*

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה

אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי זִיבֶּעצְנְסְ'טֶע יָאר; פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשס"ו קוּם אִיךְ יֶעדֶע יָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אֵיין יָאר הָאב אִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט, גֶעוֶוען אִיז דָאס רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"א. יֶענֶע יָאר הָאט אוּקְרֵיינָא פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶרְן צוּלִיבּ דִי מַגֵּיפָה פוּן קָארָאנֶע, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין גַאנְץ אוּקְרֵיינָא, פַאר גְרוֹיס גֶעלְט הָאט מֶען גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען. אִיךְ הָאב בַּאצָאלְט גְרוֹיס גֶעלְט צוּ מְשַׁחֵד זַיין אוּן מֶען הָאט מִיךְ אַרַיין גֶעלָאזְט, אָבֶּער בַּיי דִי לֶעצְטֶע מִינוּט בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.

דִי יָאר צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן - אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער. עֶס אִיז אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, רוּסְלַאנְד אִיז אַרוֹיס מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט אוּקְרֵיינָא. פוּן וֶוען דִי מִלְחָמָה הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן - הֶערְן מִיר נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, נִישְׁטָא קַיין עֶירְפָּארְט וָואס אִיז אָפְן אִין גַאנְץ אוּקְרֵיינָא, בִּשְׁעַת מִלְחָמָה זֶענֶען אַלֶע לוּפְטְפֶעלְדֶער פַארְמַאכְט, אָבֶּער דָאס הַאלְט נִישְׁט אָפּ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים פוּן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוּנְזֶער נְסִיעָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, אָבֶּער דָאךְ אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.

### *פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין פּוֹילְן*

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן אַמֶערִיקֶע דִינְסְטָאג נַאכְט, כ"ה אֱלוּל - קַיין פּוֹילְן; דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. הָאַבְרֵךְ אֶלִי' קְנָאלְל נֵרוֹ יָאִיר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּצוּשְׁטֶעלְן אַלֶעס פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַלֶע זָאלְן זַיין בַּאקְוֶועם, אוּן פַאר מִיר הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער גֶעזָארְגְט, מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה אִינֶעם עֶרָאפְּלַאן, נֶעבְּן מִיר אִיז גֶעזִיצְן אוּנְזֶער דַיְין שְׁלִיטָ"א ר' יוֹנָה. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר שְׁלָ"ה, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; זִיךְ אַבִּיסְל אָנְגְרֵייטְן פַאר דֶעם גְרוֹיסְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי פּוֹסְקִים בְּרֶענְגֶען (מַטֵּה אֶפְרַיִם סִימָן תקפה, סִימָן ב) אַז דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ אוּן בַּעַל מַקְרִיא זָאלְן לֶערְנֶען שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, דִי כַּוָּנוֹת פוּן דִי תְּקִיעוֹת. זָכְרֵנוּ

יָמִים מִקֶּדֶם, מִיט יָארְן צוּרִיק - פְלֶעג אִיךְ לֶערְנֶען מִיט מַיין גְרוֹיסֶער זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְג רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, חוֹדֶשׁ אֱלוּל - כַּוָּנוֹת פוּן דִי תְּקִיעוֹת.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר צְוֵויי שָׁעָה. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט אַ שׁוֹמֵר זָאל מִיךְ וֶועקְן פַאר שַׁחֲרִית, וַוייל וֶוען מֶען פָארְט פוּן אַמֶעריקֶע קַיין אֵייראָפֶּע קֶען מֶען גְרִינְג פַארְפַּאסְן דַאוֶונֶען, מֶען פָארְט אַנְטְקֶעגְן דִי טָאג. נָאךְ צְוֵויי שָׁעָה שְׁלָאפְן בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער אוּן גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִיךְ פָאר אוּנְטֶערְוֶועגְנְס בִּין אִיךְ נִישְׁט מַקְפִּיד צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער אַז אַנְדֶערֶע מַאכְן אַ מִנְיָן - דַאוֶוען אִיךְ מִיט. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס הָאבְּן דַוְקָא גֶעוָואלְט מַאכְן אַ מִנְיָן, הָאבּ אִיךְ מִיט גֶעדַאוֶונְט, קוֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת. נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת מַסֶכֶת אָהֳלוֹת, ח"י פְּרָקִים. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר מִיד, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁלָאפְן כְּסֵדֶר בַּיים גוֹרֵס זַיין דִי ח"י פְּרָקִים, אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן בִּיזְן אָנְקוּמֶען.

### *פוּן וַוארְשֶׁע קַיין רֵיישָׁא*

פוּן וַוארְשָׁא בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין רֵיישָׁא, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן. אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'וֶוער אִיז רַייכֶער פוּן מִיר? אִיךְ פָאר מִיט זֶעקְס זִין אוּן מַיין אֵיידֶעם, בִּין אִיךְ דָאךְ דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ; צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי קִינְדֶער!'

### *יֶעדֶער הָאט מְנִיעוֹת*

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וֶועסְט קוּמֶענְדִיגֶע יָאר דוּרְכְבְּרֶעכְן דַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. גְלֵייבּ מִיר, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת, נִישְׁטָא אֵיינֶער וָואס קוּמְט קַיין אוּמַאן אָן מְנִיעוֹת, עֶס אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוער, דָאךְ קוּמְט מֶען אַלֶעס אִיבֶּער. וַוייל אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער דַארְף קוּמֶען, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן - אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין מְנִיעוֹת.

מַיין שְׁוָואגֶער, אַ בְּרוּדֶער פוּן מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, הָרַב ... - אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה. עֶר בֶּענְקְט שׁוֹין אַפָּאר יָאר צוּ קוּמֶען אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְפֶעלְט קַיין אֵיין טָאג פוּן מַאכְן תְּפִלָּה, אַזוֹי אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען.

אִין וַוארְשָׁא הָאט מִיךְ הָאַבְרֵךְ אֶלִי׳ קְנָאלְל צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ פְּרִיוַואטֶע צִימֶער, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער בְּעֵרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה. פוּן דָארְט אִיז מֶען גֶעפָארְן קַיין רֵיישָׁא מִיט אַ קְלֵיינֶעם פְלִיגֶער פַאר כִּמְעַט אַ שָׁעָה.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מְסַיֵּים זַיין דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, בַּיי דַף טו הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעלַאנְדֶעט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע מַיינֶע רֶענְצְלֶעךְ זָאלְן אָנְקוּמֶען. אִיךְ בֶּעט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ; וֶוען אִיךְ בֶּעט צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן לֵייג אִיךְ צוּ נָאךְ אַ תְּפִלָּה, אַז אוֹיךְ דִי רֶענְצְלֶעךְ זָאלְן אָנְקוּמֶען. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, אַלֶע רֶענְצְלֶעךְ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען.

***פוּן רֵיישָׁא קַיין לִיזֶענְסְק***

פוּן רֵיישָׁא זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק, וַוייל מֶען הָאט גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז דֶער בַּאן וֶועט פָארְן. דִי יָאר הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען גְלַייךְ קַיין אוּקְרֵיינָא נָאר דוּרְךְ אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גְרֶענִיץ פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד - אָדֶער מִיט אַ קַאר, אָדֶער מִיט אַ בַּאן. מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם בַּאן פוּן פְּשֶׁעמִישְׁל קַיין וִוינִיצֶע. פְּשֶׁעמִישְׁל אִיז נָאנְט צוּ לִיזֶענְסְק, דֶער בַּאן פָארְט עֶרְשְׁט בַּיינַאכְט, זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין לִיזֶענְסְק.

וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין לִיזֶענְסְק הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אוּמַאן, הוּנְדֶערְטֶער אִידְן פוּן כָּל קַצְוֵי תֵּבֵל זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען. דָארְט אִיז אַ סְטַאנְצְיֶע פַאר דִי וָואס קוּמֶען פוּן אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת אַרַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּקְרֵיינָא, קַיין אוּמַאן. דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים דָארְט אִיז אֵין לְשַׁעֵר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע׳טוֹבֵלְ׳ט, גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אַבִּיסְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, וֶועם אִיךְ הָאב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הֶערְט זִיךְ?" הָאבְּן אַלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "מֶען פָארְט צוּם רֶבִּי'ן!" מֶען הָאט גֶעטַאפְּט דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט.

***בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ***

אִיךְ בִּין אַרוֹיף צוּם צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ.

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט פוּן צַדִּיקִים (עַיֵּין סֵפֶר עֶשֶׂר צַחְצָחוֹת בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדְל מְרִימְנָאוו זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) אַז בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה; הוּנְדֶערְטֶער אִידְן שְׁטֵייעֶן בַּיים צִיוּן אוּן בֶּעטְן זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּט יָאר. אַלֶע אִידְן הַאלְטְן אִינְמִיטְן זִיךְ וַואלְגֶערְן פוּן אֵיין מְדִינָה צוּם צְוֵוייטְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מִיד, קֵיינֶער גֵייט זִיךְ נִישְׁט אָפְּרוּעֶן, ווָאוּ אִיז יֶעדֶער? מֶען לוֹיפְט פוּן אֵיין צִיוּן צוּם צְוֵוייטְן, אַלֶע בֶּעטְן אוֹיף אַ גוּט יָאר.

***פָארְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ קַיין אוּמַאן***

גֵיי דֶערְצֵייל פַאר דִי אַלֶע לֵצִים, דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים, דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, גֵיי זָאג זֵיי וָואס בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען, דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן פָארְן צוּ אַ צַדִּיק אִין אַ צַייט פוּן מִלְחָמָה, אַ צַייט וָואס דִי נַייעֶס שְׁרֶעקְט אָן, דָאךְ קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם, מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

פַארְיָאר הָאבְּן מִיר זִיךְ אַלֶע גֶעלָאזְט שְׁטֶעכְן מִיט דִי וַואקְסִין פוּן קָארָאנֶע, מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרָאקְן מִיט דָאס עֶרְגְסְטֶע, דוּ בִּיסְט דָאךְ אוֹיךְ פַארְדְרֵיידְט מִיט דִי אֱמוּנוֹת טְפֵלוֹת וְכוּ'; מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרָאקְן, וֶוער עֶס וֶועט נֶעמֶען דִי וַואקְסִין גֵייט שְׁטַארְבְּן אוּן מֶען גֵייט נִישְׁט קֶענֶען מֶער הָאבְּן קִינְדֶער, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר זִיךְ אַלֶע גֶעשְׁטָאכְן מִיט דִי וַואקְסִין כְּדֵי צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי יָאר גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן לְמַזָל טוֹב... יֶעדֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל כַּמָּה שִׂמְחוֹת.

גֵיי זָאג פַאר דִי וָואס שְׁפֶּעטְן - זֵיי זָאלְן קוּמֶען קוּקְן, זֵיי זָאלְן קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן אֵיין אַזַא נְסִיעָה, ווִי יוּנְג אוּן אַלְט הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט פַאר צֶענְדְלִיגֶער שָׁעָה, אַבִּי צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'נְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַלֶע הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער. בַּיי אוּנְז, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, נֶעמֶען מִיר אַלֶע קִינְדֶער פוּן אַ יָאר פַאר דִי זִיבְּן. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן, דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז אַ קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי זִיבְּן - וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיין הֶעמְד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז).

***פוּן לִיזֶענְסְק קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל***

פוּן לִיזֶענְסְק זֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעפָארְן אַרוּם עֶלֶף אַזֵייגֶער קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל, אַ נְסִיעָה פוּן אַ שָׁעָה. פוּן דָארְט פָארְט אַ בַּאן קַיין ווִינִיצֶע. עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעפְּלַאנְט אַרוֹיס צוּ פָארְן פְּרִיעֶר, עֶס הָאט זִיךְ פַארְשְׁלֶעפְּט. מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן צְוֵויי שָׁעָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען קַאלְט, אוֹיךְ הָאט אַבִּיסְל גֶערֶעגְנְט, מֶען אִיז גֶעוֶוען גוּט אָפְּגֶעמַאטֶערְט, דָאךְ אִיז יֶעדֶער גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, מֶען פָארְט צוּם רֶבִּי'ן, יֶעדְנְ'ס הַארְץ אִיז פוּל מִיט בֶּענְקֶענִישׁ צוּם רֶבִּי'ן.

***אוֹיפְן בַּאן קַיין אוּקְרֵיינָא***

עֶנְדְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁמַאק צוּגֶעשְׁטֶעלְט. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיטְ'ן דַיָּין ר' יוֹנָה אוּן מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע זִין כַּוָּנוֹת הַתְּקִיעוֹת פוּן סֵפֶר שְׁלָ"ה.

דִי בַּאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים גְרֶענִיץ פוּן אוּקְרֵיינָא, דִי אוּקְרֵיינָא וֶועכְטֶער זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוּן גֶענוּמֶען יֶעדְנְ'ס פַּאסְפָּארְט. נָאכְן אִיבֶּערְקוּקְן מַיינֶע אוּן מַיינֶע קִינְדֶערְ'ס פַּאסְפָּארְטְן זָאגְט מִיר דִי בַּאאַמְטֶע אִין עֶנְגְלִישׁ: "וֶועלְקָאם טוּ אַוּעֶר קַאנְטְרִי" (בְּרוּכִים הַבָּאִים צוּ אוּנְזֶער לַאנְד), אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, מֶען הָאט אָבֶער אָנְגֶעזָאגְט יֶעדְן אֵיינֶעם זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן. אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים וָואס מִיר זָארְגְן 'וָואס וֶועט זַיין? וֶועלְן מִיר קֶענֶען דִי יָאר אוֹיךְ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן? וֶועלְן מִיר זַיין אִין אוּמַאן?' אוּן יֶעצְט זָאגְן דִי וֶועכְטֶער מִיר זֶענֶען מְכוּבָּד אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין אוּקְרֵיינָא; פַאר מִיר אִיז דָאס

אַ רֶמֶז פוּן הִימְל אַז אוּנְזֶער בֶּענְקְשַׁאפְט אוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁטֶעלְט זָאגְן סְלִיחוֹת, בַּיים זָאגְן דִי סְלִיחָה (לְיוֹם חֲמִישִׁי) פוּן "אִוִּיתִיךָ" אִיךְ גְלוּסְט צוּ דִיר, "קִוִּיתִיךָ" אִיךְ הָאף צוּ דִיר, "מֵאֶרֶץ מֶרְחַקִּים" פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אוֹי ווִי שְׁטַארְק מִיר גְלִיסְטְן אָנְצוּקוּמֶען צוּם צַדִיק, פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער גְלִיסְטְן מִיר אוּן מִיר הָאפְן צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן'. "בְּקִרְבִּי שְׁחַרְתִּיךָ" אִינֶעוֵוייניג אִין מַיין הַארְץ "קְרָאתִיךָ מִמַּעֲמַקִּים" דַאוֶוענֶען מִיר; אַזוֹיפִיל תְּפִילוֹת לֵייגְן מִיר, מֶען גְלִיסְט אוּן מֶען בֶּענְקְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף דֶעם.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוּן גֶעלֵיינְט פַּרְשַׁת אַתֶּם נִצָּבִים, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ סֵפֶר תּוֹרָה.

### *פוּן ווִינִיצֶע קַיין אוּמַאן*

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין ווִינִיצֶע הָאבְּן אוּנְז אָפְּגֶעוַוארְט פוּפְצְן בָּאסֶעס, מֶען הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט פוּנֶעם בַּאן מִיט דִי פֶּעק אוּן זֶעק אוּן זִיךְ אַרוֹיפְגֶעשְׁלֶעפְּט אוֹיפ'ן בַּאס, דָאס אִיז דִי זִיבֶּעטֶע וַואסֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּערְגֶער וְעָנִי (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י) אַז דִי בַּת קֵיסָר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעזָאגְט: "דִי זִיבְּן וַואסֶער זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, קֶען נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ"; זֶעט אוֹיס אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן - דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין זִיבְּן וַואסֶערְן, זִיבְּן נְסִיעוֹת.

דִי עֶרְשְׁטֶע נְסִיעָה - פוּן שְׁטוּבּ צוּם לוּפְטְפֶעלְד, 2) פוּן אַמֶערִיקֶע קַיין וַוארְשֶׁע, 3) פוּן וַוארְשֶׁע קַיין רֵיישָׁא, 4) פוּן רֵיישָׁא קַיין לִיזֶענְסְק, 5) פוּן לִיזֶענְסְק קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל, 6) פוּן פְּשֶׁעמִישְׁל קַיין ווִינִיצֶע, 7) אוּן פוּן ווִינִיצֶע קַיין אוּמַאן.

### *מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן*

כ"ו אֱלוּל, דָאנֶערְשְׁטָאג נָאכְמִיטָאג פִינְף אַזֵייגֶער זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה. מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּארְדְרֵייעֶן

פוּן אַלֶע וָואס זוּכְן צוּ פַארְדְרֵייעֶן - נִישְׁט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

כ״ז אֱלוּל, פְרַייטָאג אִינְדֶערפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעפָארְן צוּם צִיוּן. מִיר הָאבְּן אַ בָּאס פוּן אוּנְזֶער בִּנְיָן צוּם צִיוּן וָואס פָארְט יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אַהִין אוּן צוּרִיק, אִיךְ בִּין אַרוֹיף צוּם צִיוּן מִיט אַזַא שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָ׳ נָאכְאַמָאל צוּ זַיין בְּחַיִּים חַיּוּתִי בַּיים צִיוּן פוּן רֶבִּי׳ן. אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים צִיוּן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן ״מִכְתָּם לְדָוִד״, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קן], מִיט דִי הַארְץ רֵייסְנְדֶע תְּפִלָּה, אוּן זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

מִיר זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין בִּנְיָן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן שְׁלִיטָ״א גְמָרָא; נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס וִוי לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט אַ זוּן בַּיים רֶבִּי׳ן.

אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט סְלִיחוֹת, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית. נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא אִין מַסֶכֶת כְּתוּבּוֹת, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ צוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא, וֶוער עֶס לֶערְנְט גְמָרָא אִיז זַאט פַארְ׳ן טָאג, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער - שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן אַ חֵדֶר פַאר אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען קַיין אוּמַאן אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן, אַלֶע מְלַמְדִים פוּן אַלֶע שְׁטֶעט אַרְבֶּעטְן אִינַאֵיינֶעם, מֶען דַאוֶוענְט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת. נָאכְדֶעם גֵייעֶן זֵיי מִיט דִי קִינְדֶער צוּם צִיוּן, בַּיי אוּנְז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז ׳דִי קִינְדֶער׳ פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן. מִיר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אַלֶע יָארְן קַיין אוּמַאן, אֲפִילוּ דִי יָאר, אַ יָאר פוּן מִלְחָמָה - הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אוֹיסְצוּפְּלַאנִירְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן,

אוּנְזֶער בִּנְיָן אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן, מִיר גֵייעְן יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעְן נָאךְ אַ בִּנְיָן, אַ גְרוֹיסֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ הֶערְלִיכֶע מַתָּנָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַדְפִּיסִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ סֶעט פוּן דְרֵיי חֲלָקִים פוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, אַלֶע מִכְתָּבִים פוּן שְׁנַת תשפ״א מְתוּרְגָם אוֹיף לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ. דָאס אִיז אַזַא שִׂמְחָה, צוּ זֶען אַז מֶען דְרוּקְט אָפּ אַלֶע בְּרִיוו אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ מִיט דֶעם אַזוֹי מְחַיֶ׳ זַיין, מֶען וֶועט אוֹיפְלֶעבְּן פוּן דִי סְפָרִים.

נָאכְדֶעם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶ חֵלֶק פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, חֵלֶק ו׳; אַזַא שֵׁיינֶע סֵפֶר, אַזוֹיפִיל חִיזוּק, אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן מוֹהֲרַא״שׁ. אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַּאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דְרוּקְן, בְּעֶרֶךְ פוּפְצִיג אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ טֵייל אִין דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

***שַׁבָּת אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי׳ן***

שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי׳ן, דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן יָאר אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת אוֹיסְנַאם שֵׁיין, דִי תְּפִילוֹת אוּן דִי סְעוּדוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְקֶענְט אַז דִי יָאר זֶענֶען גֶעקוּמֶען וֵוייניגֶער מֶענְטְשְׁן צוּם רֶבִּי׳ן; דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיט דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען אֵין לְשַׁעֵר.

נָאכְן דַאוֶונֶען קַבָּלַת שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַרָאפּ אִינֶעם אַלְטְן עֶס זַאל, דִי עוֹלָם אִיז זִיךְ צוּוַאקְסְן, נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ מֶער צוּ עֶסְן אוּנְטְן אִינֶעם עֶס זַאל, מֶען דַארְף אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ פַאר אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹלָם. מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אַלֶע סְעוּדוֹת אִין שׁוּל כְּדַאי מֶען זָאל קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה, דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ אַרָאפּ אוּנְטְן גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַפָּאר מִינוּט, וִוי לַאנְג מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה אִין שׁוּל.

אִיךְ הָאף עֶס וֶועלְן זַיין וָואס וֶועלְן אָפְּשְׁרַייבְּן דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יוֹם טוֹב. אַזַא שָׁאד בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אַזַא שָׁאד; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען אִיז בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַז מֶען אִיז מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט וִוי שֵׁיין עֶס אִיז, אוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֶערְן.

***דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס***

דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב הָאבְּן מִיר גֶעגֶעסְן אִין שׁוּל, דִי יָאר בַּיי דִי מִלְחָמָה אִיז דָא אַ גֶעזֶעץ אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אִין גַאס בַּיינַאכְט. הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גוֹיִם וָואס זָאלְן הֶעלְפְּן טֵיילְן דִי עֶסְן אוּן אוֹיפְרוֹימֶען, אַלֶע גוֹיִם וָואס אַרְבֶּעטְן אִינֶעם בִּנְיָן זֶענֶען אַהֵיים אַכְט אַזֵייגֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וִוי גֶעטְרֵייעֶ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אָנְצוּגְרֵייטְן, טֵיילְן אוּן אוֹיפְרוֹימֶען; בִּפְרַט דִי בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

דִי עֶסְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט, זַייט מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער נֵייעֶם בִּנְיָן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען מִיר מְקַיֵּים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד): "יָא גֶעגֶעסְן, יָא גֶעשְׁלָאפְן, יָא גֶעדַאוֶוענְט"; דֶער בִּנְיָן אִיז אַן אִינְזְל אִינְמִיטְן דִי שְׁטוּרְמִישֶׁע אוֹמַאן וַואסֶער. אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיידֶער מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְזֶער פְּלַאץ הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט, דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק שִׂיחָה: "נִישְׁט גֶעגֶעסְן, נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיי מִיר", יֶעצְט אִיז אַ מְחַיֶּ', מִיר הָאבְּן אַ שְׁטִילֶע רֵיינֶע פְּלַאץ, בִּפְרַט דִי וָואס קוּמֶען מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים - אִיז דָאס מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'.

אִיךְ הָאף דוּ קוּמְסְט קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אוּן אַז דוּ וִוילְסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חַבוּרָה זָאלְסְטוּ שׁוֹין דִינְגֶען אַ בֶּעט וַוייל קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין פְּלַאץ. וַוייל דִי וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי יָאר, אַ גְרוֹיסֶע טֵייל קוּמֶען מִיט קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ אַ קִינְד, וֶועט לִכְאוֹרָה נִישְׁט זַיין קַיין פְּלַאץ, דַארְף מֶען שׁוֹין זָארְגְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רטו), מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶער אִיךְ שׁוֹין דֶעם שַׁמָּשׁ וֶועקְן צוּ סְלִיחוֹת; לוֹיט דִי שִׂיחָה אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ זָארְגְן פַאר קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

בַּיי דִי סְעוּדָה לֵיל שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ". אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע יָארְן וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר עֶרְנְסְט בִּיז נָאךְ תַּשְׁלִיךְ,

מֶען טַאנְצְט נִישְׁט, מֶען זִינְגְט נָאר נִגּוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת וּדְבֵקוּת. דִי יָאר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן אִין אַזַא יָאר וָואס אַלֶע הָאבְּן פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען פָּארְן בְּעֵת מִלְחָמָה, אוּן מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּמַאן; מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה.

נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יֶעדֶער זָאל גֵיין שְׁלָאפְן. דִי יָאר הָאט מֶען סַיי וִוי נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם צִיּוּן בַּיינַאכְט, דֶער צִיּוּן אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן בַּיינַאכְט צוּלִיבּ דִי קֶערְפִיוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן, מֶען מוּז אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ׳ן גוּף, נִישְׁט זִיךְ אִיבֶּערְרַייסְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף, קֹדֶם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", וֶוען עֶס קוּמְט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, פַארְרֶעכְטְן דִי נֶפֶשׁ - דַארְף מֶען קוֹדֶם אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי גוּף זָאל נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף - אִיז אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה.

אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט אוּן מֶען שְׁלָאפְט נִישְׁט - נָאכְדֶעם דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, דָאס פַּאסִירְט גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, בִּפְרַט אִין אוּמַאן. וֶוען מֶען קוּמְט אָן קַיין אוּמַאן אִיז מֶען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, אָבֶּער מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְּשׁוּת אַז מֶען גֶעפִינְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי׳ן - שְׁלָאפְט מֶען נִישְׁט, אוּן נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי פַּאלְט מֶען צוּזַאם, מֶען לִיגְט אִין בֶּעט מִיט פִיבֶּער, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ - קֶען מֶען נָאכְדֶעם הָאבְּן אַן אוֹיסְגֶערוּטֶע קָאפּ אוּן אַ גֶעזוּנְטֶער גוּף, מֶען קֶען דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

***שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי***

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ זִיבֶּעצִיג אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי גְמָרָא שִׁיעוּר. מוֹהֲרָנַ"ת הָאט דָאס אַרַיינְגֶעבַּאקְן אִין אוּנְז, עֶס זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין דֶעם טָאג אָן אַ בְּלַאט גְמָרָא. אִינְדֶערְוָואכְן אִיז דָא צַייט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אָבֶּער שַׁבָּת

וְיוֹם טוֹב נָאכְן דַאוֶוענֶען מַאכְט מֶען דִי סְעוּדָה, און נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער צוּ מַאכְן דִי שִׁיעוּר, דֶערִיבֶּער מַאכְט מֶען דִי שִׁיעוּר אִינְדֶערְפְרִי.

נָאכְן שִׁיעוּר זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, דִי וֶועג פוּן אוּנְזֶער בִּנְיָן צוּם צִיוּן נֶעמְט בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג מִינוּט, אַז מֶען גֵייט שְׁטַייט נֶעמְט דָאס צוּ גֵיין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעוֶועקְט מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן מִיט קוּמֶען מִיט מִיר צוּם צִיוּן, בַּיים צִיוּן הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועזְן און אַבִּיסְל גֶעוֵויינְט. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט קְלָאר אַז שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אוֹיבּ עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג צוּ וֵויינֶען - מֶעג מֶען וֵויינֶען; עֶס אִיז אַ תַּעֲנוּג זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים.

*אַנְטְלוֹיף פוּן מַחֲלֹקֶת*

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק הָאט מִיר אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אוֹיף אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט אָפְּגֶעלָאזְט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, עֶס הָאט מִיר אַזוֹי גֶערִיסְן בַּיים הַארְץ; בִּיז יֶעצְט טוּט מִיר דָאס אַזוֹי וֵויי, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מִיט גֶעגַאנְגֶען: "אַזַא זַאךְ קֶען נָאר פַּאסִירְן פוּן מַחֲלֹקֶת", וַוייל דֶער וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי בַּאלִיבְּט בַּיי מוֹהֲרָא"ש. עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעטוּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין יַבְנְאֵל, בִּפְרַט פַאר אַבְרֵכִים. אַזַא זַאךְ פַּאסִירְט נָאר פוּן מַחֲלֹקֶת, מַחֲלֹקֶת הַרְגְ'עֶט, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת; ווֹאוֹיל אִיז דֶעם וָואס שְׁטֵייט וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דִי קָאפּ פוּן קֵיינֶעם; זָאל קוּמֶען צוּ דִיר אַ מַלְאָךְ מִן הַשָּׁמַיִם און דִיר זָאגְן: "דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ!" "דָאס אִיז נִישְׁט מוֹהֲרָא"שְ'ס זַאךְ!" - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן יֶענֶעם, דוּ קוּק וואוּ דוּ בַּאקוּמְסְט חִיזוּק אוֹיף תּוֹרָה, תְּפִלָּה און יִרְאַת שָׁמַיִם. זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייז פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַ רֶעסְפֶּעקְט פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן. אִיךְ זָאג נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צֶעמִישְׁטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן מֶער וִוי אֵיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אֵיין רֶבִּי, אֵיין וֶועג וַוייזֶער; אָבֶּער מְכַבֵּד זַיין - דַארְף מֶען יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַכּוֹת כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים טו, ד): "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד" מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן - "זֶה יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יְהוּדָה", דֶער פָּסוּק הָאט יְהוֹשָׁפָט, דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן מְקַיֵּים גֶעוֶוען; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין קֶענִיגְלִיכֶע שְׁטוּל אוּן צוּגֶעלָאפְן צוּ אִים אוּן אִים גֶעהַאלְזְט אוּן גֶעקִישְׁט.

וֶועל זִיךְ אוֹיס צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְּקָרִים אֵיינֶער וָואס וֶועט דִיר מַדְרִיךְ זַיין צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (הִלְכוֹת שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה, אוֹת יב) עֶס אִיז זִיכֶער דָא אִין יֶעדֶע דוֹר אֵיינֶער אָדֶער מֶער וִוי אֵיינֶער - וָואס דֶער צַדִּיק אִיז אִין אִים, דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי אִים, וָואס יֶענֶער קֶען דִיךְ מַאכְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶר קֶען דִיר אַרַיינְשַׁיינֶען אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, דִיר וַוייזְן אַ וֶועג צוּ לֶעבְן. מוֹהֲרַנְ"ש זָאגְט, אַ קֶעלְבְל וָואס זֵייגְט מִילְךְ פוּן צְוֵויי קוּעֶן וֶוערְט קְרֶעצִיג, אַז מֶען הָאט צְוֵויי רֶבִּי'ס - וֶוערְט מֶען צֶעמִישְׁט אוּן צֶעטוּמְלְט. נֶעם זִיךְ אֵיין רֶבִּי וָואס וֶועט דִיר לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, אָבֶּער זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן פָּאלִיטִיק.

עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ אַז אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיב הָאבְן. גְלֵייב מִיר וָואס אִיךְ זָאג דִיר, אִיךְ הָאב לִיב יֶעדְן אֵיינֶעם אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, סֵיי פוּן אוּנְזֶער כִּתָּה אוּן סֵיי פוּן אַנְדֶערֶע כִּתּוֹת, אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, אִיךְ הָאב לִיב יֶעדְן אִיד, אִיךְ הָאב לִיב אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים אוּן גָאר שְׁטַארְק תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוֹיסֶער בַּעֲלֵי מַחֲלֹקֶת; אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט דֶערְלַיידְן. נָאכְדֶערְצוּ, דִי וָואס טוּעֶן זִיךְ אָן מִיט אַ פְרוּמֶע קְלֵייד אוּן רֶעדְן בְּשֵׁם בְּרֶסְלֶב, זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, דִי זֶענֶען שְׁלוּחֵי הַסֶּמֶ"ךְ מֶ"ם. דִי וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן "עֶס אִיז נִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ", אוּן הַיינְט קֶען מֶען דָאס הֶערְן לְצַעֲרֵנוּ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ: "עֶס אִיז נִישְׁט מוֹהֲרַא"שְׁ'ס זַאךְ" - דִי קֶען אִיךְ נִישְׁט לַיידְן, דִי וָואס רֶעדְן אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב - דִי הָאבְן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין אוּנְזֶער חֶדֶר.

***תְּפִלַּת שַׁחֲרִית שַׁבָּת קוֹדֶשׁ***

מִיר הָאבְן גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית נַיין דְרַייסִיג. הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הֶערְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, דֶער גַּבַּאי אִין שְׁטֶעטְל - הָאט גֶעדַאוֶונְט פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, צוּ שַׁחֲרִית אִיז

צוּגֶעגַאנְגֶען הָאַבְרֵךְ מָאטִי הֵיימְלִיךְ נֵרוֹ יָאִיר - גַּבַּאי פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין שְׁטֶעטְל, עֶר דַאוֶוענְט זֵייעֶר הַארְצִיג.

ר׳ מָרְדְּכַי אִינְדִיג, דֶער מְנַהֵל פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר אִין אַמֶערִיקֶע הָאט גֶעלֵיינְט. מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן עֲלִיּוֹת פַאר דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ, בְּהִתְנַדְּבוּת לִבָּם. הָאַבְרֵךְ יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד פַּאר דִי עֶלְצְטֶע קִינְדֶער אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאַבְרֵךְ הֶענִיךְ אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, פוּן דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה. הָאַבְרֵךְ שְׁלֹמֹה יַאקָאבָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר, דֶער מְנַהֵל פוּן בֵּית הַתַּבְשִׁיל; דִי אַרְבֶּעטְן אַלֶע לְשֵׁם שָׁמַיִם, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט בַּאצָאלְט פַּאר זֵייעֶר אַרְבֶּעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן לְשֵׁם פְּסָקִים, לְשֵׁם צוּ כַאפְּן בִּזְיוֹנוֹת, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל קוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן, מֶען ווִיל מִיךְ פָארְהַאלְטְן - גֵּייט נֶעבֶּעךְ אוֹיף זֵיי, צוּ זֵיי הָאט מֶען טַעֲנוֹת.

שִׁישִׁי הָאט עוֹלֶה גֶעוֶוען הָאַבְרֵךְ שִׁמְעוֹן גַאנְצְפְרִיעֶד נֵרוֹ יָאִיר, אַ מִתְפַּלֵּל פוּן דִי בָּארָא פַּארְקְ׳ער חַבוּרָה, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען פַאר זַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידְל. אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעזָאגְט דִי קְרִיאַת הַשֵּׁם, וְיִקָּרֵא שְׁמָהּ בְּיִשְׂרָאֵל פֵיגָא, נָאךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס מַאמֶע. כַּיָּדוּעַ, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים רוּפְן בַּיי זַיין מַאמֶע׳ס נָאמֶען, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, ווַייל זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים יִרְאַת שָׁמַיִם.

שְׁבִיעִי הָאבּ אִיךְ עוֹלֶה גֶעוֶוען. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל אוֹיפְ׳ן טְרֶעין פוּן פְּשֶׁעמִישְׁל קַיין ווִינִיצֶע. דִי אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גּוֹמֵל יֶעצְט בַּיים עוֹלֶה זַיין. אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ צוּ עֶנְטְפֶערְן: "מִי שֶׁגְּמָלְךָ כָּל טוֹב הוּא יִגְמָלְךָ כָּל טוֹב סֶלָה", אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק לז, מִכְתָּב ו אֲלָפִים קמא).

***תְּפִלַּת מוּסָף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ***

מַפְטִיר הָאט עוֹלֶה גֶעוֶוען אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א, אוּן מוּסָף הָאט גֶעדַאוֶוענְט הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל שְׁטֶעסְל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וואוֹינְט הַיינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר לֶערְנְט פָאר יֶעדְן טָאג אִין אוּנְזֶער שׁוּל דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוּן זַיין וַוייבּ אִיז אַ טִיטְשֶׁער אִין אוּנְזֶער נֵייעֶ מֵיידְל חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם. עֶר דַאוֶוענְט זֵייעֶר הַארְצִיג, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בַּיי כֶּתֶר דִי שְׁטִיקְל "הוּא אֱלֹקֵינוּ,

הוּא אָבִינוּ" - אַזוֹי שֵׁיין, עֶר הָאט מִיר גֶעעֶפְנְט מַיין הַארץ. דָאס אִיז מַיין עֹנֶג שַׁבָּת, צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט, מִיט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ, "הוּא אֱלֹקֵינוּ", דוּ בִּיסְט מַיין בַּאשֶׁעפֶער, "הוּא אָבִינוּ", דוּ בִּיסְט מַיין טַאטֶע, "הוּא מַלְכֵּנוּ", דוּ בִּיסְט מַיין קֶענִיג, "הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ", דוּ בִּיסְט מַיין הֶעלְפֶער, "וְהוּא יוֹשִׁיעֵנוּ", אוּן דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אוּן מִיךְ אוֹיסְלֵייזְן, דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נוּסָח דָאס אִיז עֶפֶּעס אַזַא שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק, מֶען קֶען אוֹיסְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי***

נָאכְן דַאוֶוענֶען זֶענֶען מִיר אַרָאפּ אוּנְטְן פוּנֶעם בִּנְיָן, אִינֶעם אַלְטְן עֶס-זַאל, דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אַ קִידוּשׁ, אִיךְ הָאב פָארְגֶעלֶערְנְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג), דִי אִינְגְל אוּן מֵיידְל וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה, מֶען דַארְף בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, אוּן אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה קוּמֶען - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, כְּעָנִי בְּפֶתַח, אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן קוּמְט מִיט אַ צֶעבְרָאכֶענֶע הַארץ.

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען בַּיי דִי שִׁיעוּר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק, עֶס לוֹינְט זִיךְ שׁוֹין צוּ פָארְן פֶערְצִיג שָׁעָה מִיט אַ בָּאס, צִי אַ בַּאן, צִי אַן עֶרָאפְּלַאן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וַוייל וָואס הָאט מֶען פוּן זִיצְן אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע שְׁטוּב מִיט אַ בַּאקְוֶועמֶע בֶּעט - וֶוען אִין הַארץ אוּן אִין מֹחַ אִיז דָא קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן... קֻשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים... נָאר אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק וָואס שַׁיינְט אַרַיין אֱמוּנָה - דֶעמָאלְט אִיז גוּט.

פִיל מָאל הֶער אִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ זָאג זֵיי: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", פִיל מָאל זָאגְט מֶען: "אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעבֶּעטְן", מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן 'דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נִישְׁט', אָדֶער 'דִי עֵצָה אַרְבֶּעט

נִישְׁט בַּיי מִיר׳. מֶען זָאגְט דָאס מִיט אַ בִּיטֶערְקֵייט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן...!" עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע אוֹיסְדְרוּקְן, ׳וָואס הֵייסְט דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעבֶּעטְן?׳ ׳וָואס הֵייסְט תְּפִלָּה הֶעלְפְט נִישְׁט?׳ חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן!

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז זֵיי קוּמֶען מֶער נִישְׁט אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט אַז זֵיי הָאבְּן אַ גוּט יָאר; ווי אַזוֹי קֶען אַ אִיד אַזוֹי זָאגְן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אִין מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה (ד.) דָרְיָוֶשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער קֶענִיג, וַוייל עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט פַאר׳ן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּתְנַאי דִי כֹּהֲנִים זָאלְן דַאוֶוענֶען: "לְחַיֵּי מַלְכָּא וּבְנוֹהִי", אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעטוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן נָאר פַאר זַיין הֲנָאָה אִיז עֶר נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: "וְהָתַנְיָא" מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעלֶערְנְט, "הַנּוֹתֵן סֶלַע לִצְדָקָה" אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעבְּט צְדָקָה - "בִּשְׁבִיל שֶׁיִּחְיוּ בְּנִי" אַז זַיין קִינְד זָאל לֶעבְּן, זַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אָדֶער "בִּשְׁבִיל שֶׁאֶזְכֶּה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא" עֶר גֶעבְּט צְדָקָה כְּדַאי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן, "הֲרֵי זֶה צַדִּיק גָּמוּר" אִיז עֶר אַ גַאנְצֶער צַדִּיק! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "כַּאן בְּיִשְׂרָאֵל, כַּאן בַּגּוֹיִם"; אַ אִיד, וֶוען עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אִים אוּן אַז עֶר זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה "אֵינוֹ קוֹרֵא לוֹ תַּגָּר", הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָּא תּוֹלֶה הַיִּסּוּרִים בַּעֲוֹנוֹ", עֶר הֶענְגְט אָן דָאס וָואס פַּאסִירְט - אִין זַיינֶע עֲבֵירוֹת (רַשִׁ"י, שָׁם).

אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מֶען וַוארְט נָאכְדֶעם אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זָאגְט מֶען נִישְׁט: "עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אוּמַאן", נָאר מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אַ גוֹי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וָואס עֶר בֶּעט אוּן וַוארְט אוֹיף - הָאט עֶר טַעֲנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט בְּרוֹגֶז.

מִן הַסְתָּם וֶועלְן דִי אִינְגֶעלַייט, מַיין שְׁוָואגֶער הָאַבְרֵךְ זַלְמָן לֵייבּ שְׁלִיטָ"א מִיט הָאַבְרֵךְ יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן שְׁלִיטָ"א אָפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע דְרָשׁוֹת.

### *סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי*

דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע

גֶעטְרֵיישַׁאפְט. שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאבְּן דִי מְלַמְּדִים גֶעמַאכְט אַ חֶבְרַת תְּהִלִים מִיט אַלֶע קִינְדֶער, אָנְגֶעפִירְט הָאט דָאס דֶער מְלַמֵּד פוּן קִרְיַת יוֹאֵל, מַיין מְחוּתָּן, הָרַב יוֹאֵל טֵייטְלְבּוֹים שְׁלִיטָ"א. דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אֲפִילוּ צוּ שְׁרַייבְּן, דָאס דַארְף מֶען אַלֵיינְס מִיטְהַאלְטְן, וְוי אַזוֹי עֶר מַאכְט דִי קִינְדֶער זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַזַא קוּנְץ, דִי קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵיי זָאגְן תְּהִלִים. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג צְווִישְׁן יֶעדֶע קַאפִּיטְל, דִי קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן, פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר דִי מְלַמְּדִים פַארְ'ן טוּן בְּהִתְנַדְּבוּת לִבָּם אַזַא שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט.

מִנְחָה אוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּל, אוֹיךְ מַעֲרִיב אוּן הַבְדָּלָה. מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאב אִיךְ פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְמָרָא בַּיי מִיר אִין צִימֶער פַאר עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בְּכֹחַ פָארְצוּלֶערְנֶען בָּרַבִּים.

## *מְלַוֶּה מַלְכָּה בַּיים רֶבִּי'ן *

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי לֶעצְטֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה פוּן שְׁנַת תשפ"ב. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶער מַעֲמָד, גֶעפְלָאכְטְן מִיט סִיוּמִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אִינְגְלֶעךְ, בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן עֶלְטֶערֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ שׁוּרָה, אֵיינֶער נָאכְן צְוֵוייטְן - מִיט הֶערְלִיכֶע מַתָּנוֹת גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז אַלְץ מְעוֹרֵר זַיין מֶען זָאל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט מַתָּנוֹת, נִישְׁט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט; מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען סִיוּמִים. דִי שִׁיעוּר מִיטְ'ן מַעֲמָד קֶענְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן, מֶען הָאט דָאס אָפְּגֶעכַאפְּט.

## *זְכוֹר בְּרִית*

גְלַייךְ נָאךְ מְלַוֶּה מַלְכָּה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען זָאגְן סְלִיחוֹת, הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הֶערְשׁ, דֶער גַבַּאי פוּן שְׁטֶעטְל הָאט פָארְגֶעזָאגְט סְלִיחוֹת, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת. דֶער גַבַּאי פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאַבְרֵךְ שַׁבְּתִי הָאט מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט פְּתִיחַת הָאָרוֹן בַּיי דִי פִּיוּט שָׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, אִיךְ הָאב זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, דִי וֶוערְטֶער מִיטְ'ן נוּסַח שְׁנַיידְט אַרַיין אִין

הַארֶץ, ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ בַּיינַאכְט. דִי זַאךְ פוּן גֶעבְּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פוּן בַּיינַאכְט – דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי לֶעצְטֶע יָארְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש ווען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָיךְ פַאר מוֹהֲרָא"שׁ צוּ זִיצְן אִין אֵיין צִי אַ גַאנְץ עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ בַּיינַאכְט, בַּיי אוּנְז פֶעלְט דָאס נָאכְנִישְׁט אוֹיס.

***עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים צִיּוּן***

אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אִיךְ הָאבּ אִינְזִין גֶעהַאט שֵׁם אקי"ק, דִי שֵׁם פוּן תְּשׁוּבָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו) בְּמִלּוּי קנ"א, וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא מִקְוֶה. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן אוּן גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן גֶעזָאגְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. בַּיי קַאפִּיטְל עז, לַמְנַצֵּחַ עַל יְדוּתוּן לְאָסָף, קוֹלִי אֶל אֱלֹקִים, הָאבּ אִיךְ מְכַוֵן גֶעוֶוען קֵל אֱלֹקִים בְּמִלּוּי וָואס בַּאטְרֶעפְט תפ"ה, כָּזֶה: אַלֶ"ף לָמֶ"ד אַלֶ"ף לָמֶ"ד הֵ"י יוּ"ד מֵ"ם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רה) מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת בִּשְׁעַת'ן זָאגְן תְּהִלִּים, אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי טִפּוֹת פוּן דִי קְלִיפּוֹת, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֹב קְדֻשָּׁתוֹ וּבְרֹב חָכְמָתוֹ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֶען זָאל מְכַוֵן זַיין בַּיים זָאגְן קַאפִּיטְל אֶל אֱלֹקִים כְּאִילוּ דָאס לֵיינְט זִיךְ קֵל אֱלֹקִים.

נָאכְן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט וִידּוּי דְּבָרִים, זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דָארְט אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זַאכְן בִּפְרָטִיּוּת, וּבִכְלָלִיּוּת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט הַתָּרַת נְדָרִים אוּן הַתָּרַת קְלָלוֹת. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דֶעם מְסִירַת מוֹדָעָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעלֵייגְט בַּיים סוֹף: "וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ רֶבִּי נָתָן", אוּן אִיךְ לֵייג צוּ: "וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ מוֹהֲרָא"שׁ מִבְּרֶסְלֶב". אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ פְּרוֹזְבּוּל אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא, כַּיָדוּעַ בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס גֶעוֶוען פוּן דִי

ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן. גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

נָאכְן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דוּ קֶענְסְט הֶערְן דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לַיין.

***פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ***

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ריד): "עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לִתֵּן עַל פִּדְיוֹן", עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען גֶעבְּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ בִּיז חֲצוֹת, בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גוּט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ בַּיי חֲצוֹת אוֹיסְגֶעפַּאסְט אוּן גְלַייךְ זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן לִכְבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט צוּ הָאבְּן כֹּחַ, נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ ווַייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט דִי סִיבָּה פַארְוָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוֹיבּ אִיז דָאס צוּלִיבּ דִי מִלְחָמָה; מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען אוּן גֶעשְׁפִּירְט קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן מִלְחָמָה, אֵיין זַאךְ, מֶען הָאט גֶעהֶערְט יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט זִיךְ אָנְצִינְדְן דִי פַייפֶערְס, ווֶען עֶס אִיז דָא נָאר אַ חֲשַׁשׁ אַז עֶס קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ בָּאמְבֶּע אִינֶעם גַאנְצְן גֶעגְנְט טְשֶׁערְקַאס, צִינְדְט זִיךְ אָן פַייפֶערְס אִין גַאנְץ טְשֶׁערְקַאס, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אוֹיפְ'ן ווֶעג פוּן ווִינִיצֶע קַיין אוּמַאן ווִי עֶס שְׁטֵייעֶן מִילִיטֶער, מֶען שְׁטֶעלְט אָפּ יֶעדְן אֵיינֶעם, בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט קַיין פַיינְט, אָבֶּער אוֹיסֶער דֶעם הָאט מֶען גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט פוּן מִלְחָמָה. אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מִיר ווֵיי גֶעטוּן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף נָאךְ צְוֵויי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן צַייט מִן הַסְּתָם בִּיסְטוּ זִיכֶער יָא אִין אוּמַאן, דוּ בִּיסְט בַּיי אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט קְלָאר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט מִיר דָאס זֵייעֶר ווֵיי גֶעטוּן.

הָאַבְרֵךְ הֶענִיךְ אִינְדִיג, אִים קוּמְט דֶעם גְרֶעסְטְן יְיַשֶׁר כֹּחַ; עֶר אַרְבֶּעט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִין אוּמַאן לְשֵׁם צוּ כַאפְּן פְּסָקִים פוּן זַאכְן וָואס קֵיינֶער ווֵייסְט נִיטְאַמָאל, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, ווַאסֶער; לְעֵת עַתָּה גֶעבְּן דִי קְוֶועלֶער נִישְׁט

אַרוּיס גֶענוּג וַואסֶער פַאר וִויפִיל מֶענְטְשְׁן מִיר הָאבְּן, אוּן וִויפִיל מִיר גְרֵייטְן אָן - אִיז נִישְׁט גֶענוּג, עֶר שְׁטֵייט אוּן אִיז בּוֹדֵק יֶעדֶע פָּאר שָׁעָה וִוי דִי וַואסֶער הַאלְט, אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט זִיךְ אוֹיסְנוּצְן אִיז דָארְט גְרֵייט אַ גוֹי וָואס קוֹיפְט וַואסֶער, דִי רֶעגִירוּנְג פַארְקוֹיפְט טְרָאקְס וַואסֶער, דִי פֵּייעֶר טְרָאקְס בְּרֶענְגֶען טְרָאקְס וַואסֶער פַאר גֶעלְט - אוּן מֶען פִילְט אָן דִי בּוֹרוֹת אוּן דִי כֵּלִים מִיט וַואסֶער.

דָאס אִיז נָאר אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס עֶר טוּט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען וַואסֶער, דָאס הֵייסְט מִיטְ'ן קוֹיפְן אַסַאךְ אָנְגֶעפִילְטֶע טְרָאקְס וַואסֶער אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג.

***רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן***

בַּיים זְמַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה כַאפְּט אַ פַּחַד, אַ צִיטֶער. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט בַּיים זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, גֶעדַאוֶוענְט דֶעם לֶעצְטְן תְּפִלָּה פוּן שְׁנַת תשפ"ב. צוּ מַעֲרִיב אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם הֶערְשׁ, דֶער גַבְּאַי פוּן שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ דֶעם פִּיּוּט "אָחוֹת קְטַנָּה" הָאט עֶר פָארְגֶעזָאגְט מִיטְ'ן נוּסָח, אַזוֹי וִוי דִי סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן זִינְגֶען דָאס.

דֶער נוּסָח קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ. מַמָּשׁ פַארְ'ן זְמַן הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם וָואס זָאגְט פָּאר דֶעם שְׁטִיקְל דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען. אוֹי הָאט דָאס מִיר וֵויי גֶעטוּן, אוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט אוֹיף דֶעם; וָואס מַחֲלֹקֶת טוּט... וָואס מַחֲלֹקֶת הַרְגְ'עֶט... פוּן דֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן.

אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶערוּפְן אַבְרָהָם הֶערְשׁ אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם תְּנוּעָה, אוּן פִּלְאֵי פְּלָאִים, עֶר הָאט דָאס שְׁנֶעל גֶעכַאפְּט אוּן דָאס אַזוֹי שֵׁיין גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט פוּן וֵויינֶען.

דִי וֶוערְטֶער, דִי תְּנוּעָה אוּן דִי מַחֲזֶה וָואס לִיגְט מִיר פַאר מַיינֶע אוֹיגְן, וִוי מוֹהֲרָא"שׁ קָאכְט בַּיי דֶעם פִּיּוּט, אִיךְ זֶע נָאךְ יֶעצְט פַאר מַיינֶע אוֹיגְן וִוי מוֹהֲרָא"שׁ וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "עַל מַה תַּעְלִים עֵינֶיךָ" רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס טוּסְטוּ פַארְהוֹילְן דַיינֶע אוֹיגְן, "וַתִּרְאֶה זָרִים אוֹכְלִים נַחֲלוֹתֶיהָ", וִוי דִי פֶעלְקֶער פַארְלֶענְדְן דִי אִידְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעקוּקְט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט

דַאוֶוענֶען, און בַּיי דֶעם שְׁטִיקֶל ווי עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעוֵויינְט, "מָתַי תַּעֲלֶה בְּתֹךְ מִבּוֹר", וֶוען רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶועסְטוּ שׁוֹין אַרוֹיסְנֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דֶעם טִיפְן גְרוּבּ? און דֶעם לֶעצְטְן שְׁטִיקֶל, דֶעם אוֹיסְלָאז "תָּחֵל שָׁנָה וּבִרְכוֹתֶיהָ".

נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגְן תְּנוּעָה פוּן מַעֲרָבִית, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען, אַ פוּלֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ; אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי הַארְצִיג, אַזוֹי פְרֵיילִיךְ; מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן!

*לְשָׁנָה טוֹבָה*

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעוִוינְטְשְׁן פַאר דִי תַּלְמִידִים און חֲבֵרִים: "לְשָׁנָה טוֹבָה". גֶעבּ אַ קוּק אִינֶעם מַחְזוֹר עֵת רָצוֹן בַּיי דֶעם שְׁטִיקֶל "לְשָׁנָה טוֹבָה", ווי מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט: "גֵיי זוּךְ אוֹיף דֶער וָואס הָאט דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט קַיין אוּמַאן, דֶער וָואס לֶערְנְט דִיר אַ גַאנְץ יָאר צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, דֶער וָואס אִיז דִיךְ מְחַזֵק זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אַ גַאנְץ יָאר פַאר דִיר, עֶר זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן".

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעהָאפְּט דִיךְ צוּ זֶען, אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען ווּאוּנְטְשְׁן "לְשָׁנָה טוֹבָה". אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן, שׁוֹין פוּפְצְן יָאר, נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה. דוּ בִּיסְט נָאךְ גֶעשְׁלָאפְן מִיט מִיר אִין מַיין קְלֵיינֶע דִירָה אוֹיף פוּשְׁקִינָא, דוּ מִיט הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם משֶׁה שְׁטְרַאסֶער, מִיט הָאַבְרֵךְ יִצְחָק משֶׁה רַייךְ, מִיט ר' מָרְדְכַי אִינְדִיג. אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט דִיר צוּ ווּאוּנְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ גֶעטְרַאכְט בִּיסְט זִיכֶער אִין אוּמַאן, מִן הַסְתָּם אִיז דִיר בַּאקְוֶועמֶער אִין אַ צְוֵוייטֶע כִּתָּה.

אִיךְ הָאבּ גֶעצִינְדְן יוֹם טוֹב לִיכְט פַאר דִי סְעוּדָה. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים, עֶס זֶענֶען דָא וָואס צִינְדְן לִיכְט בַּיים זְמַן, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס צִינְדְן אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן דִי סְעוּדָה, בַּיי מִיר צִינְדְט מֶען אִין שְׁטוּבּ בַּיי דִי סְעוּדָה.

*שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ*

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט קִידוּשׁ מִיט'ן נוּסָח פוּן אַקְדָמוּת. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם נוּסָח פוּן אַקְדָמוּת, אַז דָאס אִיז אַ שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק, אַ

בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו). בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ הָאבּ אִיךְ שִׁיעֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן שִׂמְחָה: "שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה!" צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, בִּפְרַט אַזַא יָאר וָואס מֶען הָאט אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְן.

דִי סְעוּדוֹת זֶענֶען סֶערְוִוירְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט זֵייעֶר גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדוֹת, אוֹיךְ דִי סִימָנִים, עֶפְּל מִיט הָאנִיג, טֵייטְלֶען, מִילְגְרוֹים, פִּישׁ; בַּיי יֶעדֶע זַאךְ הָאבְּן אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם יְהִי רָצוֹן, אוּן בַּיים עֶסְן טֵייטְלֶען הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן: "שֶׁיִּתַּמּוּ שׂוֹנְאֵינוּ וְדַאֲגוֹתֵינוּ", אַזוֹי בְּרֶענְגְט מוֹהֲרַ"ש אִין מַחְזוֹר עֵת רָצוֹן, ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת, סִימָן לה): "תְּמָרִים מְבַטְּלִין דְּאָגָה" טֵייטְלֶען אִיז מְבַטֵּל דַאֲגוֹת.

מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין לַאנְגֶע סְעוּדוֹת אִין אוּמַאן, עֶס אִיז נִישְׁט אַ צַייט פַאר לַאנְגֶע סְעוּדוֹת. רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס פַארְ'ן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, מוֹהֲרַ"שׁ בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעם יְרוּשַׁלְמִי, "מַאן דְּדָמִיךְ בְּרֵישׁ שַׁתָּא, דָּמִיךְ מַזָּלֵיהּ" (עַיֵּין בַּ"ח אוֹרַח חַיִּים, סוֹף סִימָן תקצז), מֶען זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, פַארְ'ן עֲלוֹת.

***רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים עֲלוֹת הַשַּׁחַר***

פַארְטָאגְס פִיר דְרַייסִיג אִיז שׁוֹין דִי מִקְוֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפִילְט, אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שְׁטֵייעֶן אוֹיף פַארְטָאגְס, מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג, צוּם דַאוֶוענֶען, צוּ תְּקִיעַת שׁוֹפָר. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'טוֹבֵלְ'ט אוּן אִינְזִין גֶעהַאט זִיךְ צוּ טוֹבֵל'עֶן פַאר דִי תְּקִיעוֹת. מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין הַפְסָקָה, קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס צַייט וֶוען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר דִי תְּקִיעוֹת, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַאכְן קַיין טִירְחָא דְּצִיבּוּרָא, דִי אַלֶע יְהִי רָצוֹן'ס מִיט תְּפִילּוֹת וָואס דֶער בַּעַל תּוֹקֵעַ זָאגְט - זָאג אִיךְ שׁוֹין בִּשְׁעַתְ'ן פַארְקוֹיפְן דִי עֲלִיּוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פוּן פָּרָשַׁת אֱמוֹר זָאג אִיךְ בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט דִי מִי שֶׁבֵּרַךְ'ס בַּיי דִי תּוֹרָה, אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אִיךְ דַארְף נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן קֵיינֶעם, דָאס דַאוֶוענֶען קֶען גֵיין גֶעשְׁמַאק.

### *רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּארְטָאגְס בַּיים צִיוּן*

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי, פִינְף אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים שִׁיעוּר אַפָּאר הוּנְדֶערְט צוּהֶערֶער. גְלַייךְ נָאכְן שִׁיעוּר זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַ וֶועג פוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט, בַּיים צִיוּן הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוֹיךְ וִידוּי דְבָרִים. הֲגַם עֶס שְׁטֵייט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶה זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶען מֶען אָנְנֶעמֶען וָואס דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק נֵר מִצְוָה, אוֹת יח), מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן דִי נוּסַח פוּן וִידוּי, אָשַׁמְנוּ, בָּגַדְנוּ אוּן חָטָאנוּ, אָבֶּער אֵייגֶענֶע שְׁטִילֶע הִתְבּוֹדְדוּת – דָאס קֶען מֶען יָא.

אַכְט אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶונֶען. מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ פְּסוּקֵי דְזִמְרָה. עֶר הָאט פָּארְגֶעזִינְגֶען דֶעם אֲדוֹן עוֹלָם, שְׁטִיקְל בַּיי שְׁטִיקְל, מִיטְ'ן הֶערְלִיכְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר הַארְצִיגֶער נוּסָח. צוּ שַׁחֲרִית בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד. מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶונֶען פַאר'ן עָמוּד – גֶעבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט אוֹיף. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט בַּיי מוֹהֲרַ"ש רֹאשׁ הַשָּׁנָה שַׁחֲרִית פַאר'ן עָמוּד אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁנַת תשע"ב, תשע"ג, ע"ד אוּן ע"ה, אוֹיךְ נָאכְן הִסְתַּלְּקוּת הָאט מִיךְ הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א גֶעבֶּעטְן מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דַאוֶונֶען אִינְאֵיינֶעם אִין בִּנְיָן הַמֶעגִימֶעטֶער, תשע"ו אוּן ע"ז הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער דָארְט גֶעדַאוֶונְט. אִין יָאר תשע"ח הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעדַאוֶונְט בַּיי אַ פְּרִיוָואטֶע פְּלַאץ, אוּן תשע"ט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן נוּצְן דֶעם בִּנְיָן וָואס מִיר הָאבְּן יֶעצְט.

### *נוּסַח הַתְּפִלָּה יוֹם א' רֹאשׁ הַשָּׁנָה*

מִיר זָאגְט נִישְׁט דִי יוֹצְרוֹת פוּן פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, מִיר זָאגְן נָאר דֶעם שְׁטִיקְל "אוֹר עוֹלָם בְּאוֹצַר חַיִים", דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט גֶעלוֹיכְטְן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דִי אוֹר הַגָּנוּז לַצַּדִּיקִים, דָאס אִיז נִגְנַז בְּאוֹצַר חַיִים, "אוֹרוֹת מֵאֹפֶל אָמַר וַיֶהִי". אוּן מִיר גֵייעֶן גְלַייךְ צוּ "הַמֵאִיר", אוֹיךְ בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְן מִיר נִישְׁט אַלֶע יוֹצְרוֹת, נָאר אַ טֵייל. אִיךְ זָאג דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס מִיר זָאגְן.

"מִסּוֹד חֲכָמִים" און "יָרֵאתִי בִּפְצוֹתִי" זָאגְן מִיר מִיט דִי נוּסַח, דֶעם שְׁטִיקְל "אָתְחִיל יוֹם" זָאגְט מֶען נָאר דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן "בַּשּׁוֹפָר אֲפַתֶּנוּ". דֶעם שְׁטִיקְל נָאךְ מְכַלְכֵּל חַיִּים "תְּאֵלַּת זוּ" - לָאזְן מִיר אוֹיס, אוֹיךְ דֶעם שְׁטִיקְל "אֶבֶן חוּג" לָאזְן מִיר אוֹיס. מִיר זָאגְן "יִמְלֹךְ", אוֹיךְ דֶעם פִּיּוּט "אַתָּה הוּא אֱלֹקֵינוּ, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְכוּ'".

דֶער חַזָּן זָאגְט פאר "תָּעִיר וְתָרִיעַ" און דֶער עוֹלָם זָאגְט נָאךְ, מֶען לָאזְט אוֹיס "אַדֶּרֶת מַמְלָכָה". דֶער חַזָּן זָאגְט פָאר "צֶאֱצָאֶיהָ" און דֶער עוֹלָם זָאגְט נָאךְ. מֶען לָאזְט אוֹיס "אִם אֲשֶׁר בְּצֶדֶק", דֶער חַזָּן זָאגְט פָאר דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ "מֶלֶךְ" און דֶער עוֹלָם זָאגְט נָאךְ. מֶען לָאזְט אוֹיס "אַאְפִּיד". נָאכְדֶעם זָאגְן מִיר דֶעם פִּיּוּט "אַדִּירֵי אֲיֻמָּה" מִיט "לְקֵל עוֹרֵךְ דִּין", "וּבְכֵן לְךָ תַעֲלֶה". מִיר לָאזְן אוֹיס דֶעם לַאנְגְן שֵׁיינֶעם תְּפִלָּה פוּן "מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אָרֶץ"; עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר הַקַּלִיר. אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז דִי תְּפִלָּה זָאגְט מֶען מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, אָבֶער בַּיי מוֹהֲרָא"ש הָאט מֶען דָאס אוֹיסְגֶעלָאזְט.

דִי פִּיּוּטִים פוּן אִינְמִיטְן קְדוּשָּׁה לָאזְט מֶען אוֹיס.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי צְוֵייטֶע טָאג שַׁחֲרִית גֵייט אוֹיף דֶעם אוֹפָן; מֶען זָאגְט "מִסּוֹד חֲכָמִים", "אָתִיתִי לְחַנְּנָךְ". "אִמְרָתְךָ" - לָאזְט מֶען אוֹיס, מֶען זָאגְט נָאר דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה. "יְחַלְּצֵנוּ" און "תָּמִים פָּעָלְךָ" - לָאזְט מֶען אוֹיס, נָאךְ מְחַיֶּה הַמֵּתִים זָאגְט מֶען "שֶׁלַּחְתִּי בְּמַלְאֲכוּת". "מְדַבֵּר בִּצְדָקָה" - לָאזְט מֶען אוֹיס.

"אַתָּה הוּא אֱלֹקֵינוּ" זָאגְט מֶען, "שְׁמוֹ מְפָאֲרִים" זָאגְט מֶען. "יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק" זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, "וְהוּא בְאֶחָד" זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל. "אֶתֵּן" לָאזְט מֶען אוֹיס. "אָדוֹן" און "הֵן לֹא יַאֲמִין" זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל, "שַׁבְתִּי וְרָאֹה" לָאזְט מֶען אוֹיס, "וּבְכֵן וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ" זָאגְט מֶען, "כָּל שִׁנְאַנֵּי שַׁחַק" זָאגְט מֶען.

***נוּסַח הַתְּפִלָּה יוֹם ב' רֹאשׁ הַשָּׁנָה***

דֶעם צְוֵייטְן טָאג זָאגְט מֶען נִישְׁט בַּיי שַׁחֲרִית "לְקֵל עוֹרֵךְ דִּין", מֶען זָאגְט עֶס בַּיי מוּסָף אֵיידֶער מֶען זָאגְט "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", "וּבְכֵן לְךָ תַעֲלֶה", און מֶען לָאזְט אוֹיס דֶעם לַאנְגְן תְּפִלָּה פוּן פַאר נַקְדִּישָׁךְ.

אִיךְ וֶועל בַּאלְד צוּרִיק קוּמֶען וואוּ אִיךְ הַאלְט, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן קוֹדֶם בַּיי מוּסָף וָואס מִיר זָאגְן. "מִסּוֹד חֲכָמִים" אוּן "אֶפַּד". "מְכַלְכֵּל חַיִּים" זִינְגְט מֶען. דֶעם לֶעצְטְן שׁוּרָה פוּן "תְּפֶן" - "אֲסוּמָה טְלוּלָה" אוּן "אַף אֹרַח" - לָאזְט מֶען אוֹיס. "יִמְלֹךְ", "קֵל אֱמוּנָה" אוּן "אִם לֹא לְמַעֲנוֹ" - זָאגְט מֶען חַזָּן וְקָהָל. "אֹמֶץ" לָאזְט מֶען אוֹיס. "וּבְכֵן וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ", "וּבְכֵן וּלְךָ תַעֲלֶה", "וּנְתַנֶּה תֹּקֶף", "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", "כִּי כְשִׁמְךָ" - זָאגְט מֶען, אוּן "אֵין קִצְבָה" זִינְגְט מֶען.

"כֶּתֶר"; דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקֶל פוּן דִי פִּיוּטִים פוּן כֶּתֶר, דֶער חַזָּן הוֹיבְּט אָן "רַחֵם מְצוּקִים... כְּבוֹדוֹ", "עוֹד יִזְכָּר לָמוֹ... מִמְּקוֹמוֹ", "יִשְׂאוּ עַיִן וְיִכְּרוּ אֹזֶן... הוּא אֱלֹקֵינוּ", "לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת", "וּבְדִבְרֵי קָדְשְׁךָ".

בַּיים אָנְהוֹיב וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶועוֶנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אוּן גֶעהֶערְט וִוי הָרַב ר' דָנִיֵּאל זָאגְט דִי שְׁטִיקֶלֶעךְ אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר גֶעשְׁרִיבְּן, פְּלֶעג אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר וואוּנְדֶערְן, וִוי קֶען זַיין אִין אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס זָאל עֶר אָפְּזָאגְן דֶעם גַאנְצְן פִּיוּט, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בַּיי מַיין זֵיידֶע, דָארְט זָאגְט מֶען נָאךְ כֶּתֶר דִי אַלֶע פִּיוּטִים. בִּיז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, וִוי קֶען זַיין אַזוֹי שְׁנֶעל? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט, מֶען זָאגְט נָאר דִי שְׁטִיקֶל וָואס עֶס שְׁטֵייט "חַזָּן".

נָאךְ כֶּתֶר זָאגְט מֶען דִי נוּסַח הַתְּפִלָּה "לְדוֹר וָדוֹר", "לְדוֹר וָדוֹר הַמְלִיכוּ". "חֲמוֹל" זִינְגְט מֶען. "וּבְכֵן יִתְקַדֵּשׁ", "עוֹד יִזְכּוֹר", "בְּאֵין מֵלִיץ", "וְכֹל מַאֲמִינִים" - זָאגְט מֶען, מִיר זָאגְן נִישְׁט "תִּשְׂגַּב לְבַדְךָ" אוּן נִישְׁט "אָנָא בְּכֹחַ", מִיר גֵייעֶן צוּ "וּבְכֵן תֵּן פַּחְדְּךָ", "וּבְכֵן תֵּן כָּבוֹד", "וּבְכֵן צַדִּיקִים".

"וְיֶאֱתָיוּ כֹּל לְעָבְדֶךָ" זִינְגְט מֶען, אוּן בַּיים סוֹף "וְיִתְּנוּ לְךָ כֶּתֶר מְלוּכָה" - פַּאטְשְׁט מֶען. אוֹיךְ וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דִי בְּרָכָה "הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ" קְלַאטְשְׁט מֶען, נָאךְ עָלֵינוּ זִינְגְט מֶען "הֱיֵה עִם פִּיפִיּוֹת". נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען "אוֹחִילָה" אוּן נָאר מַלְכֻיּוֹת זִכְרוֹנוֹת אוּן שׁוֹפְרוֹת, מֶען לָאזְט אוֹיס דִי פִּיוּטִים פוּן אִינְמִיטְן.

***תְּקִיעַת שׁוֹפָר***

צוּרִיק צוּם עֶרְשְׁטְן טָאג. נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט תִּיקוּן הַכְּלָלִי,

מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט דִי עֲלִיּוֹת. הָאַבְרֵךְ יְחֶזְקֵאל טוֹיסִיג הָאט מִיר גֶעקוֹיפְט אַן עַלִיָּ', אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל אוֹיפְ'ן בַּאן פוּן פְּשֶׁעמִישְׁל קַיין ווִינִיצֶע.

תְּקִיעַת שׁוֹפָר; אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר בֵּיידֶע טֶעג, אִיךְ הָאף מֶען וֶועט דָאס אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אוּן דְרוּקְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעבְּלָאזְן דִי תְּקִיעוֹת דִּמְיֻשָּׁב, דֶער מְנַהֵל פוּן חֵדֶר ר' מָרְדְּכַי אִינְדִיג שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל מַקְרִיא.

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת. יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן בְּלָאזְן שׁוֹפָר - כַאפְּט מִיר אַ פַּחַד, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ נֶעמֶען דֶעם שׁוֹפָר אִין הַאנְט. וֶוער בִּין אִיךְ דֶען? אִיךְ טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין דֶען וֶוערְד צוּ בְּלָאזְן שׁוֹפָר בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ?' אִיךְ טוּ דָאס נָאר עַל דַּעַת מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט מִיר דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר גֶעהֵייסְן בְּלָאזְן שׁוֹפָר. אִיךְ פְלֶעג בְּלָאזְן שׁוֹפָר, תְּקִיעוֹת דִּמְעֻמָּד - בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, נָאר אַזוֹי בְּלָאז אִיךְ.

דִי פְּסוּקִים "אַשְׁרֵי הָעָם", "בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן", "כִּי תִפְאֶרֶת" - הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט מִיט דִי הִתְעוֹרְרוּת'דִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נוּסָח.

מוּסָף הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעדַאוֶוענְט בֵּיידֶע טֶעג.

תְּקִיעוֹת דִּמְעֻמָּד הָאט גֶעבְּלָאזְן אוּנְזֶער דַיָּן. שׁוֹין דִי צְוֵוייטֶע יָאר אִין אוּמַאן וָואס דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א בְּלָאזְט דִי תְּקִיעוֹת בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

דָאס דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין. סַיי דֶער נִיגוּן "מְכַלְכֵּל חַיִּים" וָואס מִיר זִינְגֶען בַּיי מוּסָף, סַיי דֶער "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", אוּן "וְכֹל מַאֲמִינִים".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "לְדָוִד מִזְמוֹר לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ מוּסָף, צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין פַּרְנָסָה פַאר אוּנְז. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן לג): "בִּזְכוּת הַצַּדִּיק תַּלְמִידָיו מִתְפַּרְנְסִים".

דִי סְעוּדוֹת פוּן בַּייטָאג אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּל, אַלֶע הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אוּן בִּיז מַמָּשׁ גֶעצֵיילְט מִינוּטְן אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי סְעוּדָה פַאר דִי גַאנְצֶע עוֹלָם.

*תַּשְׁלִיךְ*

נָאךְ דִי סְעוּדָה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען זָאגְן תַּשְׁלִיךְ. מִיר גֵייעֶן בַּיים זֶעלְבְּן טַייךְ וִוי אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן, מִיר גֵייעֶן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּנֶעם טַייךְ, דָאס אִיז נֶענְטֶער צוּ אוּנְזֶער בִּנְיָן.

מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעטַאנְצְן, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ וִוי אִין דִי לוּפְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא, מִיר זֶענֶען בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעבְּלָאזְן שׁוֹפָר. מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַזַא שִׂמְחָה, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן.

מִיר זֶענֶען צוּרִיק דַאוֶוענֶען מִנְחָה, נָאךְ מִנְחָה הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט. אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי מַחְזוֹר וואוּ מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט צוּם מֶענְטְשׁ פוּן תַּכְלִית, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הֶערְן דִי שִׁיעוּר, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן, מוֹהֲרַ"אשׁ - אַלֶע זֶענֶען מִיט אוּנְז; מִי יִתֵּן וְהָיָ׳ לְבָבָם זֶה לְיִרְאָה אוֹתִי כָּל הַיָּמִים, מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דִי הַרְגָּשָׁה אַ גַאנְץ יָאר.

*צְוֵוייטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה*

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג מַעֲרִיב הָאט אוֹיךְ אַבְרָהָם הֶערְשׁ גֶעדַאוֶוענְט, כְּמַעֲשֵׂהוּ בָּרִאשׁוֹנָה כַּךְ מַעֲשֵׂהוּ בַּשְּׁנִיָ׳, אַזוֹי אוֹיךְ דִי סְעוּדָה, אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְטָאגְס.

דִי צְוֵוייטֶע טָאג הָאט גֶערֶעגְנְט, בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען נָאכְן סְעוּדָה אַנְשְׁטָאט פַּארְטָאגְס.

אַכְט אַזֵייגֶער הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַאר׳ן עָמוּד פְּסוּקֵי דְזִמְרָא. שַׁחֲרִית אוּן מוּסָף הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג הָאט מֶען גֶעלֵייגְט בַּיים עָמוּד אַ בִּימָה אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאל שְׁטֵיין אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען שֶׁענֶער, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אִינְגֶעלַייט גֶעהָאלְפְן מִיט אַ כָּאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרִינְגֶער צוּ דַאוֶוענֶען.

נָאךְ מִנְחָה אִיז גֶעוֶוען אַ סַךְ הַכֹּל שִׁיעוּר, זִיךְ צַאמְנֶעמֶען וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אוּן וָואס זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען.

***מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב***

נָאךְ הַבְדָלָה הָאט מֶען גֶעטַאנְצְן, הָאַבְרֵךְ סֶענְדֶר רָאטְה הָאט גֶעשְׁפִּילְט אוּן הָאַבְרֵךְ מָאטִי רָאזֶענְפֶעלְד הָאט גֶעזִינְגֶען. אוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַבְרָהָם בַּלְטִי שְׁפִּילְן מִיטְ'ן קְלַארִינֶעט הֶערְלִיךְ שֵׁיין.

מֶען הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעדַארְפְט אַייְנְפַּאקְן, אַרוֹיסְפָארְן קַיין וְוינִיצֶע צוּ כַאפְּן דֶעם בַּאן אַרוֹיס פוּן אוּקְרֵיינָא. הָאַבְרֵךְ אֶלִי' קְנָאלְל הָאט אַזוֹי שֵׁיין מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי נְסִיעָה, פוּפְצְן בָּאסֶעס זֶענֶען גֶעפָארְן פוּן אוּמַאן קַיין וְוינִיצֶע מִיט פָּאלִיצַיי פוּן פָארְנְט, מֶען זָאל אוּנְז נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן. בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם זֶענֶען מִיר אַלֶע אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּאן מִיט דִי רֶענְצְלֶעךְ.

צְווִישְׁן אוּנְז אִיז אוֹיךְ דָא אַ פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב, קַלְמָן א. עַגַ'מִי, אַ וואוּילֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן סְפַרְדִי'שְׁן אָפְּשְׁטַאם, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין פַּאסְפָּארְט. אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב הָאבְּן מִיר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר אִים, וַוייל בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אַזַא יָאר פוּן מִלְחָמָה אִיז נִישְׁטָא קַיין אַמֶערִיקַאנֶע קַאנְסוּל, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט זֶען אִין פּוֹילְן, דָארְט קֶען מֶען מַאכְן אַ פְּרִישֶׁע פַּאסְפָּארְט.

אַ גַאנְצֶע וֶועג אוֹיפְ'ן בַּאן הָאבְּן מִיר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְלָאזְן פוּן אוּקְרֵיינָא אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין פּוֹילְן אָנֶעם פַּאסְפָּארְט, אוּן עֶר זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען אִין פּוֹילְן זַיין נֵייעֶ פַּאסְפָּארְט, אוּן נִיסִים אִיז גֶעשֶׁען, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם. מֶען הָאט אוּנְז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּלִיב אִים, אָבֶער יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט אִים אַרִיבֶּערְגֶעלָאזְט.

דִי וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט בָּאסֶעס, מִיט וֶוענְס - הָאבְּן גֶעוַוארְט לַאנְגֶע שָׁעוֹת בַּיי דִי גְרֶענִיצְן; אֵיינֶער פִינְף שָׁעָה, אַ צְוֵוייטֶער צֶען שָׁעָה אוּן אַ דְרִיטֶער צְוָואנְצִיג שָׁעָה; דָאס אִיז דִי נְסִיעָה וָואס מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

## *אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּרִיק אִין רֵיישָׁא*

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען מִיטְוָואךְ נָאכְמִיטָאג אִין פְּשֶׁעמִישְׁל. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט כֹּחַ צוּ פַאסְטְן, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין רֵיישָׁא, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטֶעלְט מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה פַאר אַ שׁוֹמֵר עֶר זָאל מִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּ מִנְחָה, מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ מִנְיָן מִיט קְרִיאַת וַיְחַל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִנְיָן וָואס הָאבְּן גֶעפַאסְט. מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפַאסְט אוֹיף אַ קַאוֶוע מִיט מְזוֹנוֹת.

נָאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין אַ דֶערְנֶעבְּנְדִיגֶער הָאטֶעל, דָארְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֶלִי׳ קְנָאלְל אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן. אִיךְ בִּין אַרוֹיף אִין מַיין צִימֶער אִין הָאטֶעל מִיט הָאבְרֵךְ יוֹאֵל שְׁנִיצְלֶער אוּן מַיין שְׁוָואגֶער הָרַב זַלְמָן לֵייבּ, אוּן הָרַב מָרְדְכַי אִינְדִיג, מִיט דֶער מְלַמֵד יְשַׁעְיָ׳ אֵיידְלִיס; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ קוּנְטְרֵסִים אוּן נָאךְ סְפָרִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אַז עֶס גֵייט אַזוֹי שְׁטַייט, מֶען קֶען וֶוען אַרוֹיסְגֶעבְּן אַסַאךְ מֶער וֶוען מִיר הָאבְּן וֶוען נָאךְ כֹּחוֹת, נָאךְ אִינְגֶעלַייט - וָואס ווִילְן צוּהֶעלְפְן דְרוּקְן, שְׁרַייבְּן, מַגִּיהַּ זַיין דִי סְפָרִים אוּן בְּרִיוו.

דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן מִיד, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן. אִיךְ בִּין אַרָאפּ אוּנְטְן צוּ הָאבְרֵךְ יוֹאֵל הַכֹּהֵן, אִיךְ הָאבּ מִיט אִים גֶערֶעדְט נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה זַאכְן וָואס מֶען קֶען טוּן אִין דִי קְהִילָה, סֵיי אִין שְׁטֶעטְל, סֵיי מִיטְ׳ן נֵייעֶם שְׁטֶעטְל, אוּן נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.

אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סְווִימִינְג פוּל, דָארְט הָאט מֶען זִיךְ גֶע׳טוֹבֵלְ׳ט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט פְרִישְׁטָאג.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּם עֶירְפָּארְט אִין רֵיישָׁא. אִין עֶירְפָּארְט הָאבּ אִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן אַפָּאר שִׁידוּכִים. אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר אַסַאךְ צוּ טוּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי.

דו גֶעדֶענְקְסְט מִן הַסְתָּם שׁוֹין נִישְׁט ווי צֶעבְּרָאכְן דו בִּיסְט גֶעוֶוען אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה. ווי דו פְלֶעגְסְט וֵויינֶען וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, הַיינְט נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאסְטוּ שׁוֹין פַארְגֶעסְן. אַז דו וֶועסְט יֶעדְן טָאג בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער - וֶועסְטוּ אַלֶץ גֶעדֶענְקֶען דִי גְרוֹיסֶע נֵס, אַז דו הָאסְט אַ וַוייבּ און קִינְדֶער. און אַז דַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דו זָאלְסְט דָאס יָאר קוּמֶען - וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעדַארְפְט אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען צוּ אִיר מִיט טְרֶערְן זִי זָאל דִיךְ יָא לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, בִּיז זִי וָואלְט צוּגַאנְגֶען פוּן דַיין גֶעוֵויין.

וָואס מֵיינְסְטוּ, דִי אַלֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אִיז דֶען נִישְׁט שְׁוֶוער גֶעוֶוען אַז דֶער מַאן פָּארְט אַוֶועק אוֹיף יוֹם טוֹב? פַאר יֶעדֶעם אִיז שְׁוֶוער, נָאר וָואס דֶען? אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען - דַארְף מֶען קוּמֶען, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

***פוּן רֵיישָׁא זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין וַוארְשָׁא***

אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן פוּן רֵיישָׁא קַיין וַוארְשֶׁע און דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן חַזָן וְקָהָל, קָהָל וְחַזָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסז) מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ בַּיים דַאוֶוענֶען פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, קוֹדֶם גֵייט עֶס חַזָן וְקָהָל, דֶער חַזָן הוֹיבְּט אָן און דֶער קָהָל זָאגְט נָאכְדֶעם. נָאכְדֶעם גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, דֶער קָהָל לוֹיפְט אַ שְׁטִיקְל פָארְאוֹיס פוּנֶעם חַזָן. זָאגְט דֶער רֶבִּי, אִין דֶעם לִיגְט אוֹיךְ אַ סוֹד. אִין אָנְהוֹיבּ טְרַאכְט דֶער חַזָן אַז עֶר דַארְף קוֹדֶם זָאגְן וַוייל עֶר אִיז דֶער עִיקָר, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר טְרַאכְט אַבִּיסְל טִיפֶער זֶעט עֶר אַז דֶער קָהָל אִיז דֶער עִיקָר, וַוייל אָנֶעם קָהָל אִיז נִישְׁטָא קַיין חַזָן, דֶערִיבֶּער גֵייט קוֹדֶם דֶער קָהָל און נָאכְדֶעם דֶער חַזָן; הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען חַזָן וְקָהָל, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה, און אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק אִיז גֶעוֶוען בְּחִינַת קָהָל וְחַזָן, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה.

אִין וַוארְשָׁא בִּין אִיךְ גֶעזֶעצְן אִין אַ פְּרִיוַואטֶע פְלַאץ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל בְּרִיוו. און פוּן וַוארְשָׁא זֶענֶען מִיר אַהֵיים גֶעפָארְן

קַיין אַמֶערִיקֶע. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַאִרְשְׁפֶּעטִיגוּנְג, דִי פְלִיגֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁפֶּעטִיגְט מִיט אַפָּאר שָׁעָה, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן נֶעבְּן דֶעם דַיָּין.

אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים קַיין אַמֶערִיקֶע.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן גֶעלַאנְדֶעט דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט בַּיי חֲצוֹת אִין אַמֶערִיקֶע, דִי רֶענְצְלֶעךְ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען. מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט אִין עֶירְפָּארְט. הָאַבְרֵךְ שְׁמוּלִיק בְּלֶעדִי הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט אוּן אַהֵיים גֶענוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן מַמָּשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל; אִיז דֶען שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן דִי שִׂמְחָה פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! דִי הַרְגָּשָׁה, דִי הִתְעוֹרְרוּת, דִי בְּכִיּוֹת, דִי הִתְנוֹצְצוּת וָואס יֶעדֶער שְׁפִּירְט דָארְט אִין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ דִיר נָאר גֶעשְׁרִיבְּן מַמָּשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

אִיךְ הָאף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועלְן מִיר גֵיין מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ מִיט אַלֶע אִידְן צוּם רֶבִּי'ן.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר.

...

### הַנְהָגוֹת פַאר עֶרֶב סוּכּוֹת אוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן פַאר'ן הַיינְטִיגְן טָאג עֶרֶב סוּכּוֹת, אוּן אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן פַאר יוֹם טוֹב.

הַיינְט עֶרֶב יוֹם טוֹב וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט; צַדִיקִים פְלֶעגְן דָאס רוּפְן זֵייעֶר "נוֹי סוּכָּה".

בְּנוֹגֵעַ צִינְדְן לִיכְט עֶרֶב יוֹם טוֹב; עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיךְ יוֹם טוֹב

צוּ צִינְדְן דִי לִיכְט בַּיים זְמַן, נָאכְדֶעם אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ צִינְדְן אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן דִי סְעוּדָה. בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ צִינְדְן דִי יוֹם טוֹב לִיכְט בַּיי דִי סְעוּדָה אֵיידֶער מֶען מַאכְט קִידוּשׁ, (אַז דוּ גֵייסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער דַיין וַוייבְ׳ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי זֵיי פִירְן זִיךְ).

בְּנוֹגֵעַ וואו צוּ צִינְדְן דִי לִיכְט; מֶען דַארְף צִינְדְן דִי לִיכְט אִין דִי סוּכָּה, דָארְט וואוּ מֶען עֶסְט; מֶען דַארְף נָאר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין סַכָּנָה פוּן אַ שְׂרֵפָה.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי סוּכָּה דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פְלֶעגְט עֶר צוּגֵיין צוּ דִי וֶוענְט אוּן זֵיי קִישְׁן, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן פְלֶעג אִיךְ זֶען נָאר בַּיים גֶעזֶעגֶענֶען פְלֶעגְט מֶען אַרוּם גֵיין קִישְׁן אַלֶע וֶוענְט; מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט קִישְׁן דִי וֶוענְט סַיי בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי סוּכָּה דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט אוּן סַיי בַּיים זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, דִי הֵיילִיגֶע וֶוענְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְכַךְ, זִיצְן אִין דִי שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן צוּזַאמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

וֶוען דוּ גֵייסְט מַאכְן דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי ״אַזְמִין לִסְעוּדָתָא״, אַיינְלַיידֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דִי אוּשְׁפִּיזִין קוּמֶען נִישְׁט אַרָאפּ נָאר אַז מֶען רוּפְט זֵיי, אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אוֹיבּ רוּפְט עֶר נִישְׁט, עֶר לַיידְנְט נִישְׁט דִי גֶעסְט - קוּמֶען זֵיי נִישְׁט צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ אַן אִישׁ פָּשׁוּט, אוֹיבּ לַיידְנְט עֶר דִי גֶעסְט קוּמֶען זֵיי צוּ אִים; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אֵיידֶער דוּ גֵייסְט מַאכְן אַ סְעוּדָה - לַיידְן אַיין דִי גֶעסְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר אִין דִי סוּכָּה.

זִיץ אִין דִי סוּכָּה מִיט אַ שִׂמְחָה, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה; זַיי בַּיי זִיךְ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל דִיךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין - וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אַז אֵיינֶער בַּיי דִיר אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דִי נָאמֶען פוּן דִי טָאג פוּן דִי אוּשְׁפִּיזִין - מַאכְט מֶען אַז דֶער קִינְד טֵיילְט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד דִי אוּשְׁפִּיזִין, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

חוֹל הַמּוֹעֵד אַרְבֶּעט מֶען נִישְׁט, און אוֹיב דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן דַיין אַרְבֶּעט אָדֶער עֶס אִיז אַ דָּבָר הָאָבֵד - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַ רָב ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ ווֶעל דִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁרַייבְּן נָאךְ, יֶעצְט דַארְף אִיךְ לוֹיפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

**טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י״ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ וואוֹילֶער מַאן מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער - דַארְפְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט זֵיי, אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר זֵיי, מַאכְן ווֶעשׁ פַאר זֵיי; אַז אִיר ווֶעט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - ווֶעט אִיר בַּאקוּמֶען נָאךְ און נָאךְ כֹּחַ.

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶענְט אִיר טוּן אֲפִילוּ אִיר זֶענְט נִישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶערְבֵּיי. ווֶען מֶען זָאגְט "בָּרוּךְ הַשֵּׁם"; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵיינֶער פְרֶעגְט: "וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" און מֶען עֶנְטְפֶערְט: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט דֶערְבֵּיי, מֶען זָאגְט דָאס נָאר גֶעמַאכְטֶערְהֵייט - הֶעלְפְט דָאס אוֹיךְ; עֶס מַאכְט אוֹיס אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ. ווַייל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים לוֹיבְּן גֶעבְּט כֹּחַ און אַ שְׁטַארְקֶע מֹחַ.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְּרַאגֶע וְכוּ׳; אַז אִיר ווֶעט טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, אִיר ווֶעט רֵיין מַאכְן דִי שְׁטוּבּ, מַאכְן דִי ווֶעשׁ און אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה - ווֶעט אִיר בַּאקוּמֶען כֹּחַ, אִיר ווֶעט ווֶערְן גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק. און אַז אִיר ווֶעט גָארְנִישְׁט טוּן, אִיר ווֶעט זוּכְן ווִי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - ווֶעט אִיר

װערן שְׁוַואכֶער און שְׁוַואכֶער, בִּיז איר װעט דַארְפְן אָנְהוֹיבְּן וואוֹינֶען בַּיי טֶערֶעפִּיסְטְן און פְּסִיכִילָאגְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

טוּן די שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט איז די הֶעכְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי; הֶעכֶער פוּן דַאוֶונֶען, הֶעכֶער פוּן זָאגְן תְּהִלִּים און הֶעכֶער פוּן טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע מַאמֶעס ווי צוּ אָנְגְרֵייטְן עֶסְן פַאר די קִינְדֶער און רֵיין מַאכְן די שְׁטוּבּ און אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

## לֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט די יָאר בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, אַז דַיין וַוייבּ איז אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דיר פַאר אַפָּאר יָאר. קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אֲפִילוּ חָלוֹמְ'ען, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס אַלֶעס בַּיי דִיר אַזוֹי גְלַאנְצִיג, און שְׁטִילֶערְהֵייט איז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן צְווִישְׁן דִיר און דַיין וַוייבּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין איר אַ רוּחַ טָהֳרָה, מִיט תְּפִלָּה קֶען זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִיר; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ רֶעדְן צוּ אִיר פוּן דֶעם. זָאג אִיר: "מִיר מוּזְן גֵיין צוּ אַ רָב, מִיר קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי; מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ ווי די תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז".

אַז דוּ װעסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט די צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, דוּ װעסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין איר אַ רוּחַ טָהֳרָה, זִי זָאל װערְן גֶעזוּנְט, זִי זָאל װערְן עֶרְלִיךְ. און צְווֵייטְנְס, דוּ װעסְט רֶעדְן צוּ אִיר אָן קַיין פַּחַד און אָן קַיין טְשֶׁעפֶּען, דוּ װעסְט רֶעדְן צוּ אִיר פוּן טוּן די וִוילְן פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז 'מִיר מוּזְן גֵיין צוּ אַ רָב, אַן עֶרְלִיכֶער רָב, וָואס זָאל אוּנְז מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן', אוּן אַז זִי וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְקְלוּגְן, זִי וֶועט דִיךְ שְׁטִיל מַאכְן מִיט אִיר אוֹיבֶּער'חָכָם'קֵייט זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁמוּעֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - וֶועסְטוּ זֶען אַז זַאכְן וֶועלְן זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' , י"ז תִּשְׁרֵי, א' דְּחֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חוֹל הַמּוֹעֵד שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז פַּאר אַ דָּבָר הָאָבֵד מֶעג מֶען יָא שְׁרַייבְּן; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ גְרֶעסֶערֶע דָּבָר הָאָבֵד וִוי דָאס וָואס אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן.

זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; עֶנְדִיג דִי וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי לֶעצְטֶע סֶדְרָה, פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, אוּן זוּנְטָאג - הוֹשַׁעְנָא רַבָּה - זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית; יֶעדְן טָאג דִי פַּרְשָׁה פַארְ'ן טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיטְ'ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְ'ן תַּרְגוּם - וֶועסְטוּ הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה; אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעזָאגְט, אַז חוּמָשׁ מִיטְ'ן תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת.

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וִויל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ דָּבָר הָאָבֵד, אוֹיךְ אַן עִנְיָן פוּן פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ וָואס מֶען מוּז שְׁרַייבְּן חוֹל הַמּוֹעֵד: זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן קְרִיטִיקִירְן דַיין וַוייבּ; זַיי אִיר עֶנְדֶערְשׁ מְכַבֵּד, קוּק גוּט אוֹיף אִיר, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) מִיר מוּזְן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ.

בֶּאֱמֶת אִיז אַ שָׁאד מַיין שְׁרַייבְּן, וַוייל עֶס אִיז תָּלוּי אִין דַיין שְׁמִירַת

עֵינַיִם; כָּל זְמַן דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת אוּן דוּ בִּיסְט פּוֹגֵם בִּבְרִית - וֶועסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר, נָאר אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן זִיךְ פִּירְן בִּקְדוּשָּׁה, דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - נָאר אַזוֹי אִיז שַׁיָיךְ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. אַז מֶען הִיט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי אוֹיגְן, מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין שׁוּם מָאוִויס, קְלִיפְּס, בִּילְדֶער אוּן מֶען הִיט זִיךְ פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית - דֶעמָאלְט אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

הֶער אוֹיף קְרִיטִיקִירְן דַיין וַוייבּ, הֶער אוֹיף מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, צוּ טְרַאכְטְן 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט'; הֶער אוֹיף מִיט דִי דִמְיוֹנוֹת, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אוּן זַיי אִיר מְכַבֵּד.

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין דִי סוּכָּה אִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס יָארְצַייט; דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

### ווי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּן בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה', י"ח תִּשְׁרֵי, ב' דְּחֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חוֹל הַמּוֹעֵד טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אָבֶּער מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן אַ זַאךְ וָואס אִיז אַ דָּבָר הָאָבֵד, אוּן זִיכֶער זַאכְן צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פַּארְלִירְן זַיין שְׁטוּבּ; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט שְׁרַייבְּן וִויכְטִיגֶע תְּשׁוּבוֹת חוֹל הַמּוֹעֵד.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער. מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער; שְׁלָאגְן אִיז אַ פוֹילֶע וֶועג, אַ שְׁנֶעלֶע וֶועג, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ.

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן; חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס. רֶעד שֵׁיין, שְׁרֵיי נִישְׁט אוּן שֶׁעלְט נִישְׁט. רֶעד שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; דַיינֶע קִינְדֶער פַּאסְן אוֹיף יֶעדֶע וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט, סַיי אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן, סַיי צוּ דַיין וַוייבּ; זֵיי הֶערְן יֶעדֶע אָטֶעם פוּן דִיר. אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט שֶׁעלְטְן - וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן אֵיידְל, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט שֶׁעלְטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ, גֵיי נִישְׁט אַרוּם אִין שְׁטוּבּ אָן וֶועשׁ, אֲפִילוּ בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער. פִיר זִיךְ בִּצְנִיעוּת - וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין אֵיידְל.

וֶוען דוּ עֶסְט אוּן דוּ טְרִינְקְסְט - מַאךְ בְּרָכוֹת הוֹיךְ, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן אוּן עֶנְטְפֶערְן: "אָמֵן"; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ מַאכְן בְּרָכוֹת.

אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן; אִין שׁוּל רֶעדְט מֶען נִישְׁט, דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן דִיךְ רֶעדְן - הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּל, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ, ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן - וֶועלְן זֵיי זִיךְ פִירְן, אָבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן; שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט.

לָאז נִישְׁט בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ קוּקְן קַיין שׁוּם זַאךְ, נִישְׁט דוּ אוּן נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער; נִישְׁט קַיין מָאוִויס, נִישְׁט קַיין פְּלֶעיס, אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין טֵיימְאַוּ"ט. דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט טוֹיס, מִיט קְלִיקְס, מִיט לֶעגְאוֹס אוּן פָּאזְל, אָבֶּער נִישְׁט מִיט קַיין סְקְרִינְס; פָאלְג מִיךְ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

הוֹיבּ עֶס אָן יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, וֶועלְן זֵיי דִיךְ פָאלְגְן; אוֹיבּ מֶען לָאזְט קוּקְן קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער פְּלוּצְלוּנְג זָאגְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין טְרֶעפְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי שְׁטוּבּ צוּרִיק אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

## עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, י"ט תִּשְׁרֵי, ג' דְּחֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא דָּבָר הָאָבֵד ווִי דָאס אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אִין חוֹל הַמּוֹעֵד: הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר ווִיסְן אַז יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע דָּבָר הָאָבֵד, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא. חוֹל הַמּוֹעֵד דַארְף מֶען נָאךְ מֶער לֶערְנֶען, חוֹל הַמּוֹעֵד אִיז נִישְׁט קַיין צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, חוֹל הַמּוֹעֵד לֶערְנְט מֶען אוּן מֶען גֵייט מִיט דִי קִינְדֶער זִיךְ פְרֵייעֶן, אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה מִזְּוִויהֶעל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: ״אָן גְמָרָא הָאט מֶען אַ פָּנִים פוּן אַ הוּנְט, רַחֲמָנָא לִצְלָן״.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**מִנְהָגִים פַאר שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ , י״ט תִּשְׁרֵי, ג׳ דְּחֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, תשפ״ג

לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבְ׳עֶר גַּבְּאֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד זִינְגֶען מִיר דֶעם גַאנְצְן ״לְכָה דוֹדִי״; אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא״ש אַיינְגֶעפִירְט.

מִיר זָאגְן נִישְׁט דִי שְׁטִיקְלֶעךְ זוֹהַר פוּן ״כְּגַוְנָא״.

בַּיי ״לֹא תֵבוֹשִׁי״, בַּיי דִי שְׁטִיקְל ״בּוֹאִי בְּשָׁלוֹם״ - טַאנְצְן מִיר אַרוּם דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אַנְדֶערְשׁ ווִי סְתַּם אַ שַׁבָּת וָואס מִיר דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיס מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין.

בְּנוֹגֵעַ זָאגְן דִי הוֹשַׁעְנוֹת שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד; מִיר פִירְן זִיךְ אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט פַאר נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר שְׁטִיקְלֶעךְ: ״לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ, לְמַעַנְךָ בּוֹרְאֵנוּ, לְמַעַנְךָ גּוֹאֲלֵנוּ אוּן לְמַעַנְךָ דוֹרְשֵׁינוּ״, נָאכְדֶעם זָאגְט יֶעדֶער אֵיינֶער פַאר זִיךְ.

שַׁבָּת גֵייעֶן מִיר נִישְׁט אַרוּם דִי בִּימָה.

בְּנוֹגֵעַ לֵיינֶען קֹהֶלֶת בְּצִיבּוּר; בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן ״קֹהֶלֶת״ שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד, מִיר זָאגְן דָאס נָאךְ שַׁחֲרִית, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט דָאס פַאר זִיךְ.

שַׁבָּת חוֹל הַמּוֹעֵד בַּיי אוּנְז אִין חוּץ לָאָרֶץ דוֹכְנְ׳ט מֶען.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

## דִי גַאנְצֶע יָאר אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי נַאכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, כ"א תִּשְׁרֵי, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי גְרוֹיסֶע טָאג: "הוֹשַׁעְנָא רַבָּה". אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (פַּרְשַׁת צַו, לב ע"א): "בְּהַאי יוֹמָא" אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, "פָּקִיד מַלְכָּא לְמֵיהַב פִּתְקִין לְסַנְטִירָא" שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס דִי קְוִויטְלֶעךְ, "וּמִסְתַּיְּימֵי דִּינִין, וְאַסְתִּים לִישָׁנָא בִּישָׁא מֵעָלְמָא" אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גֶע'חַתְמְ'עְט אוּם יוֹם כִּפּוּרִים – שִׁיקְט מֶען הַיינְט אַרוֹיס; קֶען מֶען נָאךְ הַיינְט נַאכְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צֶערַייסְן דֶעם עֶרְשְׁטְן צֶעטְל אוּן אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אַ נֵייעֶם צֶעטְל.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן, מֶען קֶען זִיךְ טַעְנָה'עֶן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ דַארְף אַ נֵייעֶ גוּטֶע צֶעטְל, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, גֶעבּ מִיר אַ גוּט יָאר, אַ יָאר מִיט שֶׁפַע, אַ יָאר מִיט בְּרָכָה".

הַיינְט נַאכְט אִיז אַ נִישְׁט פָּשׁוּטְ'עֶ נַאכְט, נֶעם עֶס נִישְׁט אָן פַּאר גְרִינְג; דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין דִי יָאר אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי נַאכְט. גֵיי אִין שׁוּל הֶערְן מִשְׁנֶה תּוֹרָה, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אַ שָׁעָה מִיט צְוָואנְצִיג מִינוּט; בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ, דֶער בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט אוּן דֶער עוֹלָם הֶערְט אוֹיס, דָאס מַאכְט אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין הִימְל. אוּן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אוֹיסְזָאגְן סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז זֵייעֶר גוּט, אוּן אַז נִישְׁט זָאלְסְטוּ כָאטְשִׁיג זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]; דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, דִי יָאר זָאל שׁוֹין זַיין דִי עֶנְדֶע פוּן דִי לַאנְגֶע גָלוּת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ יָאר מִיט מְנוּחָה, אַ יָאר מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַ יָאר מִיט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה זָאג אִיךְ אֵיידֶער דִי הַקָפוֹת אַפָּאר וֶוערְטֶער, אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי אוּן מַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה, אוּן נָאךְ אַסַאךְ הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים – זְכוּתָם

יָגֵן עָלֵינוּ; מְעוֹרֵר זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְנוּצְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיינֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

אַ גוּט קְוִויטְל.

...

## אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל – וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳, כ״א תִּשְׁרֵי, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, וְויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַז אִיר גֵייט זַיין אַ צַדֵיקֶת, אִיר גֵייט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; אִיר גֵייט אָפְּלָאזְן דִי שֵׁדִים אוּן קְלִיפּוֹת. אוֹיךְ גֵיין מִיט גֶעהֶעריגֶע שְׁטְרוּמְפּ, נִישְׁט קַיין דוּרְכְזִיכְטִיגֶע שְׁטְרוּמְפּ, אוּן דִי קְלֵיידֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן אוּן קוּרְץ. טוּט עֶס פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, טוּט עֶס פַאר׳ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, טוּט עֶס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְן נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן זֵיי דַארְפְן אַ יְשׁוּעָה.

אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער מַיינֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר: טוּט מִיר דָאס צוּלִיבּ, טוּט מִיר דִי טוֹבָה, מַאכְט מִיר גְרִינְגֶער מַיין אַרְבֶּעט. אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַזוֹיפִיל גֶעגֶעבְן, גֶעבְּט מִיר דָאס צוּרִיק, בִּפְרָט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס צִיעֶן זִיךְ אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל; טוּט מִיר אַ טוֹבָה, הַאלְטְס רֵיין דָאס פְּלַאץ. וֶועם עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - זָאל גֵיין וואוֹינֶען אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶער עָתִיד, פַאר אוּנְזֶער קִינְדֶער; בֶּעט אִיךְ אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידוֹת אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי

אונְזֶער שְׁטֶעטְל: גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיין; מַאכְט נִישְׁט נָאךְ דֶעם גוֹי טָמֵא וָואס הָאט פַארְבְּרֶענְט אונְזֶערֶע זֵיידֶעס און ווִיל אוּנְז מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פַארְבְּרֶענֶען.

הַיינְט אִיז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר טַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה; לָאמִיר טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, לָאמִיר זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיין, אִידִישׁ.

אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן און זִיךְ אָנְטוּן אֵיידְל, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אִיר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אַ גוּט קְוִויטְל.

...

## דָוִד הַמֶּלֶךְ מִיטְ׳ן פְּרָאשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פַארְבְּרֶענְגְסְט דַיינֶע טֶעג און דַיינֶע יָארְן מִיט הֲפָצָה וְהַדְפָּסָה. עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר און יֶעדֶע מִינוּט און יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פוּן יָאר הָאסְטוּ אוֹיסְגֶענוּצְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת כִּי הוּא מֶלֶךְ, אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אֱמוּנָה, און אַ זִיסְקֵייט צוּ דִי תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אָנְהוֹיבְּן רוּקְן שְׁנֶעלֶער מִיט דִי סְפָרִים; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט נֶעמֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט זָאלְן דִיר הֶעלְפְן מִיט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי סְפָרִים. דִי סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶ׳ יֶעדְן אֵיינֶעם; דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ וֶועכְנְטְלִיךְ, סַיי רַבָּנִים, דַיָנִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט - אַלֶע נֶעמֶען זֵייעֶר חַיוּת פוּן דִי סְפָרִים, אַלֶע לֶעבְּן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן.

עֶס אִיז כְּדַאי אַרוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּקָשָׁה צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוער עֶס קֶען דִי מְלָאכָה פוּן מַגִּיהַ זַיין אָדֶער שְׁרַייבְּן, טֵייפְּן וְכַדוֹמֶה. עֶס אִיז זִיכֶער דָא צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּאהַאלְטֶענֶע כֹּחוֹת וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן צוּ דִי זַאכְן, זֵיי וַוארְטְן מֶען זָאל זֵיי בֶּעטְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר הָאבְרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ הֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי דְרָשׁוֹת פוּן כָּל נִדְרֵי אוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְקְוִויקְט מִיט דֶעם. אִיךְ הָאף עֶר וֶועט אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן אֵיין הַקָּפָה אוּן צְוֵוייטְן.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַּאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער:

קִינְדֶער וֶוער וִויל הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פְּרָאשׁ?

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פְּרָאשׁ...

הֶערְט אוֹיס טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס בְּלָאזְט אַ לַייכְטֶע ווִינְטְל, דִי הִימְל אִיז שְׁוַוארְץ, עֶס אִיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אַלֶע שְׁלָאפְן, עֶס שַׁיינְט דִי לְבָנָה מִיט דִי פִּינְטְלֶעךְ שְׁטֶערְנְס, נָאר דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אוֹיף, זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה, נִישְׁט וַוייט פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, בַּיים יַם כִּנֶּרֶת - שְׁפַּאצִירְט זִיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ, עֶר זִינְגְט אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר זַיין לֶעבְּן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דֶען דָא אִין דִי וֶועלְט אֵיינֶער זָאל דִיךְ אַזוֹי דַאנְקֶען אַזוֹי וִוי אִיךְ דָוִד דַאנְקְט דִיךְ... ?" דָוִד הַמֶּלֶךְ פְּלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יֶעדֶע זַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּלוּצְלוּנְג שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס אַ פְּרָאשׁ פוּנֶעם יַם כִּנֶּרֶת, נִישְׁט אַ פִּיצִי פְּרָאשׁ, אַ רִיזִיגֶע פְּרָאשׁ! דִי פְּרָאשׁ הוֹיבְּט אָן קְוִויטְשֶׁען. דָוִד הַמֶּלֶךְ דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, דָוִד הַמֶּלֶךְ לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וֵייסְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן' - וֶוערְן אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דִי פְּרָאשׁ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּ דָוִד... דִי פְּרָאשׁ קְוִויטְשֶׁעט: "דָוִד, דוּ זָאגְסְט אַז אִין דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁטָא

נָאךְ אֵיינֶער וָואס זָאל אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דוּ, לִיגְנְט! אִיךְ מִיט אַלֶע פְּרֶעשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ מֶער פוּן דִיר; מִיר שְׁלָאפְן נִישְׁט, מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוֹיךְ זֶענֶען מִיר מֶער גֶעטְרֵיי פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין מִצְרַיִם אִין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע אוֹיוְון, צוּ טוּן דִי רָצוֹן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

דָוִד הַמֶּלֶךְ נֶעמְט אַרוֹיס זַיין פִידְל אוּן הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען (תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל קלה): "ה'", אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא גָבַהּ לִבִּי", מַיין הַארְץ גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט, "וְלֹא רָמוּ עֵינַי", מַיינֶע אוֹיגְן דֶערְהֵייבְּן זִיךְ נִישְׁט מִיט גַּאֲוָה... דֶעמָאלְט הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל.

קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים טוּעֶן, אוּן אַזוֹי ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן - טוּעֶן; וֶועלְן מִיר אוֹיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן זִינְגֶען: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער - פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, שְׁכֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער - וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן!"

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאֵר קִינְדְלֶר

## אַז מֶען גְלֵייבְּט זֶעט מֶען נִיסִים

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל אַרַיין מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים טִיף אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג.

דֶער תַּלְמִיד זָאגְט פַּארְ'ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "וַוארְט אַבִּיסְל, אֶפְשָׁר בַּאלְד וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן וַואסֶער". נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאגְט דֶער תַּלְמִיד מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע קוֹל: "רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי שׁוֹין כִּמְעַט חַלֶשְׁ'ן"; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דֶער תַּלְמִיד הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן וַוייס, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "זָאג מִיר אוֹיב דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט – הָאט

שׂוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען אַז מִיר בֵּיידֶע וֶועלְן גֵיין אִינְאֵיינֶעם אִין וַואלְד, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, אוּן עֶר הָאט שׂוֹין דֶעמָאלְט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר וַואסֶער?״ רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תַּלְמִיד: ״יָא יָא, זִיכֶער! זִיכֶער גְלֵייבּ אִיךְ אִין דֶעם!״ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט אַ יְשׁוּעָה פַאר אוּנְז״.




וַואוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן!

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַן עָרֵל קוּמְט צוּ גֵיין מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער וָואס הֶענְגְט אִים פוּן זַיין פְּלֵייצֶע! דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט צוּ אִים אוּן גֶעבְּט אִים אַפָּאר פְּרוּטוֹת, עֶר בֶּעט דֶעם עָרֵל: "גֶעבּ אוּנְז אַבִּיסְל וַואסֶער"; דֶער תַּלְמִיד מַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, אוּן עֶר הָאט צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זַיינֶע כֹּחוֹת.

זֵיי זֶעעֶן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס!"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְּרֶעגְט דֶעם עָרֵל: "זָאג מִיר, וָואס טוּסְטוּ דָא אִין וַואלְד מִיט דִי צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער?" זָאגְט דֶער גוֹי: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אָנְפִילְן צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיינְלוֹיפְן אִין וַואלְד; אִיךְ דְרֵיי זִיךְ שׁוֹין דָא דְרֵיי טֶעג אִין וַואלְד, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַאר'ן תַּלְמִיד: "זֶעסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט גֶעמַאכְט אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל מְשׁוּגָע וֶוערְן אוּן אַרַיינְשִׁיקְן זַיין קְנֶעכְט אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וַואסֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גְרֵייט אָן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס יֶענֶער דַארְף; אַז מֶען גְלֵייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען בֶּעט אִים - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.